90

פֿערלאַג „טעאַטער־ביבליאָטעק".

# חנה'טשע אין אַמעריקא.

אָפּערעטע אין 4 אקטען.

פֿון

נ. ראַקאָוו.

מוזיק פֿון רומשינסקי.

פּרייז 30 קאָפּ. ווארשא, תרע״ד.

PRINTED in POLAND

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

703

פֿערלאַג „טעאַטער־ביבליאָטעק".

# חנה'טשע אין אַמעריקא.

אָפּערעטע אין 4 אַקטען.

פֿון

נ. ראַקאָוו.

מוזיק פֿון רומשינסקי.

וואַרשא. תרע"ד.

דרוק „אוניווערסאַל", לעשנאָ 31.

# פערזאנען:

| | |
|---|---|
| מאטיל מאטילזאהן. | |
| זעלדע-זלאטע | זיין ווײַב. |
| חאנטשע | זייער טאָכטער. |
| איזידאר | איהר חתן. |
| רובין גאלדהענדלער | אַ רייכער באַנקיר. |
| פלארענס | זיין ווײַב. |
| עדי | זייער זוהן. |
| פראנציס | זייער טאָכטער. |
| לואיזא | זייער פלימעניצע. |
| סוזי | זייער דיענסט-מעדעל. |
| סעמי | אַנ'עלעוועיטער באָי. |
| נעגערקע. | |

פאָליסלײַט, פאָלק, סופראַזשיסטקעס.

אָרט דער האַנדלונג:

ערשטע דרײַ אַקטען—אין ניו-יאָרק.

פיערטער אַקט-אין לאָנג ברענטש.

# ערשטער אקט.

אַ צימער ביי מאָטילזאָהן, רעכטס אַ קיך. נעבען דער קיך שטעהט אויף אַ קליין בענקעלע אַ באַליע מיט וועש, נעבען די באַליע אַ קויש מיט וועש, אַ שטול, ליגקס אַ טיש מיט 2 שטולען, רעכטס און ליגקס 2 טירען, אין דערמיט אַ טיר, דערנעבען אַ פענסטער, פון וועלכען עס זעהט זיך דער הויף. פון פענסטער צהיט זיך אַ שטריק מיט וועש. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, שטעהט זעלדע זלאַטע בייים פענ־טער און ציהט אַ שטריק.

---

**זעלדע זלאַטע:** מר"ס רינגער, מר"ס סינגער.

**שטימע:** (פון קוליסען) וואָס ווילט איהר?

**זעלדע זלאַטע:** אייער שטריק האָט זיך פערפלאָנטערט אין מיינער, דרעהט אָב.

**שטימע:** פאַרדרעהט אייך אייער קאָפּ.

**זעלדע זלאַטע:** רבש"ע אַלע קללות פון העסטערסטריט אויף איהר, מר"ס סינגער.

**שטימע:** איהר וועט דאָרט אויפהערען צו מאַכען אַזאַ ליאַרם, איך האָב נאָר וואָס דאָס קינד איינגעשלעפערט. וואָס ווילט איהר?

**זעלדע זלאַטע:** דרעהט אָב אייער שטריק, איך קען די וועש נישט אויפהענגען.

**שטימע:** הענגט אייך אליין און לאָזט מיך צורוה.

**זעלדע זלאַטע:** געוואַלד, ווי קריגט מען פאַר איהר אַ גוטע קרענק! (רופט) מאָטיל, מאָטיל, וואָס מיר איז היינט אויפ׳ן הערצען וועל איך צו איהם אויסלאָזען. מאָטיל, מאָטיל!

**מאָטיל** (פון קוליסען): וואָס שרייסט דו אידענע, איך הער.

**זעלדע:** געוואַלד ווי גוט עס איז צו זיין אַ מאַן! (קוקט אַריין אין טיהר) פוצט זיך דאָרט זיינע שיכלעך, אויב דו קומסט נישט באַלד אַריין, פליהט די גאַנצע וועש דיר אין קאָפּ אַריין. מאָטיל, מאָטיל!

## אויפטריט מאָטיל.

מאָטיל: וואָס ווילסט דו, זעלדע זלאטע.

זעלדע: איך וויל, אַז דו זאָלסט די מיסעס זינגער אַריינטראָגען אַ גוטע קרענק.

מאָטיל: עס איז נישט פאַר מיינע כחות, איך קאָן דיך נישט טראָגען.

זעלדע: הער דיך אויף צו חכמה׳נען, מאָטיל, איך בין היינט נישט אויפגעלייגט, דאָס גאַנצע פּעך און שוועבעל וואָס זיט אין מיר וועל איך באַלד אויף דיר אויסגיסען און ווען חאַנטשע וועט קומען אַהיים וועסטו האָפּען פון איהר אַ שווארצען סוף, אויף וועלכען דו האָסט זיך גאָרנישט געריכט.

מאָטיל: וואָס איז מיט חאַנטש׳ען? איז זי אויך אויפגעשטאַנען אויף די לינקע זייט אַזוי ווי די?

זעלדע: איך ווייס ווען דו קומסט אַלע פריהמאָרגען אַהיים, מיך אַרט נישט, פריהער שפּעטער, עט די גליקען, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס איך קאָן פון דיר האָבען, דו האָסט היינט גערוקט דעם זייגער און חאַנטשע האָט אויף אַ גאַנצע שעה פערשפּעטיגט. זי איז אַוועק צו דער אַרבייט אָהן אַ ביסעל וואַסער אין מויל. וועה וועט דיר זיין, אַז מען זאָל איהר אָביאָגען פון די שטעלע.

מאָטיל: איך וואָלט נור געוואָלט זעהן דעם פאַבריקאַנט, וואָס זאָל חאַנטש׳ען אָבזאָגען פון דער אַרבייט. מען ציטערט דאָך דאָרטען אין פאַבריק פאַר איהר, ווי פאַר אַ קדחת און חאַנטשע אין אַמעריקאַ איז אַלרייט. ווען חאַנטשע זאָל צו די איבריגע מיידלעך אַ זאָג טהון: מען אַרבייט נישט מעהר, מען שטרייקט — לייגט אַלעס אַוועק די אַרבייט און מען געהט שפּאַצירען.

זעלדע: דו מיינסט, אַז אַלע האָבען פאַר איהר אַזוי מורא ווי דו, מען וועט זיך פאַר א׳ה־ דערשרעקען! איך זאָג דיר!

מאָטיל: און ווידער פערגעס נישט, אַז חאַנטשע אַרבייט נישט ביי קיין פרעמדען — זי אַרבייט ביי אַ לאַנדסמאַן.

זעלדע: לאַנדסמאַן! איך זאָג דיר ער ווייס אַ כך פון דיר, ער קען דיך דען, ער זעהט דען דיך אַמאָל אין פאַבריק ביי איהם אַנ־אַנדערער אויף דיין אָרט וואָלט שוין ביי איהם 10 מאָל געוועזען געזעהן צו מאַכען נעבען איהם אַ לעבען מען זאָל זיך נישט אַזוי דאַרפען צו מאַטערען אויף דעם שטיקעל חיונה.

מאָטיל: איך האָב גאָרנישט און מיר פעהלט גאָרנישט, און איך דאַרף גאָרנישט.

זעלדע: איך ווייס דיר פעהלט גארנישט און דארפסט גארנישט און...
חאטש גארנישט... אויסגעפוצט די שיכלעך אזוי גלאנצענר, פערקעמט
דעם טשופרין, פערגלעט זיך די וואנסעם מיט דעם שטעקעלע אין
האנד און וועט זיך ארויס שפאצירען אין גאס אריין. וועט זיך
מאכען צופערדינען א פאר סענט איז נוט, אלא נישט וועט מען
אריין געהן אין קאפע אדער אין רעסטאראן און שפיעלען דארט
אין קארטען א האלבען טאג (זי טרייסעלט די וועש, פערנעצט
איהם די שיך).

מאטיל: אט האט זי מיך פערשפריצט די שיך, עס קרענקט זי אז
איך האב א פאר שיך מיט א גלאנץ (שטעלט דעם פוס אויפ'ן
בענקעל, נעהמט א שטיק וועש און פוצט).

זעלדע: וואס טהוסטו, וואס? מיט א שטיק ריינע וועש פוצסט דו שיך
(זי שלעפט אוועק דאס בענקעל ער פאלט אריין אין קויש)
איי, איך וועל מיר דאס לעבען נעהמען, א גאנצען טאג שטעה
אין וואש, אין דערערד אריין מיין פאצעט.

מאטיל; (זיצענדיג אין קויש) איכה ישבה, א קלאג איז צו דיר צרה, קליפה
וואס ווילסטו פון מיר? אז קיין מנוחה אויף יענער וועלט זאל האבען דער
טאטע וואס האט געבראכט אויף דער וועלט אזא זעלדע-זלאטע.
זאג מיר נאר, אידענע, איז שוין אוועקגעגאנגען א טאג זאלסט מיר
נישט אפלייענען א דרשה איידער איך געה ארויס אין גאס אריין.
וואש קיין וועש נישט און מאך מיך נישט גליקליך!

זעלדע: עס איז פארהאן א סך איבעריג געלר אוועקצוגעבען פאר
יועש וואשען מען קען זיך העלפען מען זאל מאכען א גרינגער
לעבען און מען וויל נישט. א אנדערער ווען מען האט אזא לאנדס-
מאן א רייכען.

מאטיל: ז איז שוין ווידער צו מיין לאנדסמאן, וויפיעל מאל האב
איך דיר געזאגט אז ער איז צו רייך און איך צו ארים אז מיר
זאלען זיך חבר'ן ווי אמאל אין דערהיים. ער וואהנט אין א פאלאץ
און איך ליעג אין די וועש. וואס ווילסטו איך זאל איהם אריינ-
קומען און בעטען א נדבה? ניין, זעלדע זלאטע, מאטיל
מאטילואהן וועט זיך נישט בויגען פאר ראובן גאגעלעוויטש!

זעלדע: גאגעלעוויטש גאר! נישט גאלדהענדלער.

מאטיל: אין דער היים האט ער זיך גערופען גאגעלעוויטש און דא אין
אמעריקא האט ער זיך איבערגעדרעהט אין הייסט ראובן גאלדע-
הענדלער! איך וועל זאגען אזוי ווי דער פאליאק זאגט!

פיניעֶנזי נימאָם אַלבּאָ האָנאָר מאָם!

**זעלדע:** אַ הערינג וועט מען אַפּילו נישט ווֶעלען געבען אין קלייטעל פאַר דיין האָנאָר. וואָס וועסטו טהון אַז חאַנטשע, וועט התונה האָבען און איך איהרע פאַר דאָלאַר וועלען פעהלען.

**מאָטיל:** וואָס זאָל זי זיך איילען חתונה צו האָבען אַז זי איז אינגאַנצען אַלט 22 יאָהר.

**זעלדע:** איך וויים דו וואָלסט געוואָלט אַז חאַנטשע זאָל אַרבּייטען ביז'ן גראָהען צאָפּ אַריין און דיר ברענגען געלד.

**מאָטיל:** חלילה, אַזוי לאַנג וויל איך נישט, אַזוי אַ 2–3 יאָהר קען נישט שאַטען, און ווידער איזידאָר אַליין וויל דאָך נאָך וואַרטען אַ צוויי דריי יאָהר.

**זעלדע:** איך האָב מורא ער וועט אַזוי לאַנג וואַרטען ביז חאַנטשע וועט זיך אויף איהם נישט דערוואַרטען, מאָטיל, איזידאָר געפעלט מיר נישט.

**מאָטיל:** אַבי ער געפעלט חאַנטשען.

**זעלדע:** איך האָב מורא, אַז ער איז נישט דער זעלבער צו איהר ווי ער איז געוועזען, ער קומט נישט מעהר אַהער אַזוי אָפט, צייגט נישט מעהר אַזוי פיעל ליעבע צו איהר.

**מאָטיל:** דו ווייסט אַ סך, איך וויים דאָך יאָ אַז זיי זיצען אָב גאַנצע נעכט, איך קויף דאָך די ליכט, חאַנטשען נישט ליעב האָבען? איך זאָג דיר דעם אמת, ווען חאַנטשע איז נישט מיין טאָכטער און איך האָב דיך נישט פאַר אַ ווייב...

**זעלדע:** נו, הער שוין אויף, הער שוין אויף, מען קען דען מיט דיר רעדען ווי מען רעדט מיט אַ מאַן? אַז דו ביזט אין שטוב מיינסטו אויך אַלץ, אַז דו ביזט אין קאַפע אָדער אין רעסטאָראַן, נו געה שוין אַוועק, געה שוין וועט מיר מיין הארץ חאָטש נישט פלאַצען, מיינע אויגען וועלען מיר נישט וועה טוהן קוקענדיג אויף דער. אוי, אַ מאַן, טפו זאָלסטו ווערען.

**מאָטיל:** אוי, אַ ווייב, טפו זאָלסטו ווערען.

## דועט: אַ מאַן אַ ווייב...

1.

**זי:** ווער געמבעלט טאָג און נאַכט?
פון שבור'ן ווער טראַכט?
וועמענס נאָז איז שטענדיג זעהר רויט?

ער: ווער שמירט זיך אוים מיט פיינט ?
ווער פערשטעלט זיך און וויינט ?
ווער שעלט אונז ווער מאכט אונז דעם טויט ?
זי: ווער זארגט נישט פאר פערדינסט ?
ווער שארט זיך צו דער דינסט ?
ווער פוילט זיך צו דער ארבייט געהן ?
ער: ווער פרעסט און טרינקט און זויפט ?
מיט'ן שבן ווער ענטלויפט ?
און נעמט נאך מיט דעם שבנ'ם זייגער און טשיין.
ער: א ווייב.
זי: א מאן.
ער: א ווייב.
זי: א מאן.
ביידע: דאס איז א שלעכט שטיקעל סחורה.
ער: א ווייב.
זי: א מאן.
ער: א ווייב.
זי: א מאן.
ביידע: א וועהטאג פאר'ן לייב.
ער: נעם א סוף.
זי: נעם א סוף.
ער: צו דיר.
זי: צו דיר.
ביידע: נעם זי נאר, טייערער בורא.
ער: א ווייב.
זי: א מאן.
ער: א ווייב.
זי: א מאן.
ביידע: א גדולה דיר אין פיפיק אריין.

2·

זי: א מאן, איך זאג אצונד, איז ערגער ווי א הונד.
א לימענע איז דאס נאר א לץ.
ער: א פרוי האט לאנגע האר קיין ברעקעל שכל גאר.
פאלש זענט איהר ווי די קעץ.

זי: אָה, דאָס וואָס רופט זיך מאַן. איז אַ פֿײַגלינג אַ טיראַן.
שלמה המלך האָט געמשפּט שלעכט.

ער: שפּעט בײַ נאַכט ווער קריכט
צום מאַנ׳ס קעשענע און זוכט.
זאָגט-זשע, ווײַבער, צי האָב איך נישט רעכט.

ער: אַ ווײַב.

זי: אַ מאַן. א. א. וו.

(בלייבען ביידע אויף דער ביהנע, מאָטיל פּוצט דעם ראָק).

זעלדע: וואָס־זשע, דו געהסט טאַקי אַוועק? און ווי אַזוי וועל איך אויפהענגען די וועש?

מאָטיל: וועש, וועש איז נישט מײַן אַרבײַט, איך האָב אַ געשעפט צו בעזאָרגען.

זעלדע: (שרײַט) מאָטיל, מאָטיל, מאָטיל פּלאָנטער מיר אָב די שטריק.

מאָטיל: אָט זעהסטו אַז דו רעדסט מיט גוטען איז עפּעס אַנדערש, אָט וועל איך רעדען מיט די מר״ס סינגער מיט גוטען וועסטו זעהען, אַז זי וועט באַלד אָבפּלאָנטער׳ן די שטריק. (בײַם פענסטער) מיסעס זינגער! מיסעס זינגער!

זינגער: וואָס ווילט איהר?

מאָטיל: דרעהט אָב מײַן ווײַב דעם קאָפּ.

זעלדע: וואָס האָסטו געזאָגט?

מאָטיל: ניין, דעם שטריק מיין איך.

זינגער: פאַרדרעהט אײַך אַלײן אײַערע קעפּ און מיך לאָזט צורוה.

זעלדע: אָט דאָס הייסט מיט גוטען.

מאָטיל: איהר, יאַכנעס וואָס איהר זענט.

זינגער: וועמען רופט איהר דאָס יאַכנע? וואַרט, מײַן מאַן וועט קומען וועט אײַך זײַן וויסט און פינסטער אײַער לעבען, איהר אַלטער לץ.

מאָטיל: אַלטער לץ האָט זי מיר געזאָגט, אַלטער לץ, איהר טשערעפּאַכע.

זינגער: נאַט אײַך אַ טשערעפּאַכע (וואַרפט אַ שטיק וועש מאָטלען אין פּנים):

מאָטיל: געוואַלד מײַן אויג, זי האָט מיר אַנ׳אויג אַרויסגענומען.

זעלדע: אָט דאָס הייסט אַ קליפּה, אָט דאָס הייסט מיט גוטען.

מאָטיל, אוי וועה איז מיר, זי האָט מיך בלינד געמאַכט איך וועל

איִהר שוויַיגען? עס וועט אַ רוח אין איִהר געפּרעגעלטען טאַטענס ביינער אַריַין.

**זעלדע:** קום אַריַין אין צוויַיטען ציִמער וועל איך דיר צולייגען אַ טיִכעל מיט קאַלט וואַסער.

**מאָטיל:** וואַרט, איך וועל איִהר וויַיזען, אַז זי וועט מיִך האָבען צו געדענקען (ביידע אָב).

## אויפטריט כאָר.

**כאָר:** וואו איז חאַנטשע, וואו איז חאַנטשע?
דער שאָפּער האָט זי דאָ פערלאָזען,
ס'האָט געטראָפען זי איז אַנטלאָפען
און מיִט קללות זיי פערלאָזען.
האָט קיין מורא, זי איז אַ סחורה
חאַנטשע איז נישט קיין למך
נעוועך מיין הערט זיך איין
חאַנטשע איז גוט און פיין
דער רוח וועט חאַנטשען נישט נעמען
חאַנטשע געהט, חאַנטשע קומט, חאַנטשע איז שוין דאָ
חאַנטשע געהט, גיך געשווינד, און אַ גוטע שעה,

## אויפטריט חאַנטשע.

יאָ, איך בין האַנטשע, דאָס מעג אַ יעדער וויסען
איך לאָז מיך נישט טרעטען,
ווי אַ שמאַטע מיט די פיס.
עס מעג זיין ווער, אַ באָס, אַנ'אויפזעהר צו אַלדי רוחות
איך האָב קיין מורא
פאַר חאנטשע, בערענים!

**כאָר:** יאָ זי איז חאַנטשע, דאָס מעג יעדער וויסען
זי לאָזט זיך נישט טרעטען ווי אַ שמאַטע מיט די פיס
עס מעג זיין אַ באָס אַנ'אויפזעהער צו אַלדי רוחות
זי האָט קיין מורא, פאַר חאַנטשע בערענים!

**חאַנטשע:** אַ חוצפּה פון אויפזעהער אַזאַ ליץ.
ווען איהר האַלט מיך נישט צוריק מיידלעך
חאַפּט ער פון מיר פּעטש
איך בין צו שפּעט געקומען

עס קען אמאָל פּאַסירען
איהר זאָלט אַזוי דערלעבען
מיך צו דער חופּה פיהרען
כאָר: חאַ, חאַ, חאַ, ביזט אָלרייט
. . . . . דו וואַקסט אַ לייט
חאַנטשע ביזט אַ קלוגע | 2 מאָל
דו מאַכסט אַלע משוגע |

חאַנטשע: פּאַר חאַנטשע בערעגים! איך לאָז מיך נישט פון אַ ליאַדע מערזאַוויעץ בעליידיגען, איהר האָט געזעהען ווי ער האָט געציטערט ווען איהר האָט אַ זאָג געטהון, ווען חאַנטשע געהט געהען מיר אַלע מיט? מיר האָבען בעוויזען, אַז מיר זענען פרויען נישט קיין קאַטשקעס נישט קיין גענז, נאָר פרויען מיט אַנ'איינגע־נעם ווילען מיט אַ פרייהען געוויסען און מיט פרויען רעכט. שרייט אַלע: עס לעבע די פרויען רעכט.
כאָר: הוראַ! הוראַ! הוראַ!

## אויפטריט זעלדע.

זעלדע: וואָס ביזטו עפּעס שוין אַזוי פריה אין דער היים?
חאַנטשע: פרעג נישט, מאַמעניו, שריי: עס לעבע די פרויען רעכט.
זעלדע: אוי ווען איז מיר, אפשר האָב איך זיך פריהער אויסגערעדט אין אַזאַ בייזע שעה און מען האָט איהר געגעבען די סעק?
חאַנטשע: אָבער פונקט ווי דו וואָלסט געוועזען דערביי.
זעלדע: מאָטיל מאָטיל.
חאַנטשע: איהר געהט יעצט מיידלעך, און דערלאָזט נישט קיין אנדערער געהן צו דער אַרבייט און ווען יאָ זאָלט איהר מיר קומען זאָגען.
אַלע: אָלרייט. (אַלע אָב)
זעלדע: מאָטיל, מאָטיל.

## אויפטריט מאָטיל.

מאָטיל: וואָס איז שוין? ווידער די וועש?
חאַנטשע: אַ גוט מאָרגען, מיסטער מאָטיל מאָטילזאָהן, ווער האָט עס אייך אַזוי אַנ'אויג דעקאָרירט?
זעלדע: מען האָט דאָך איהר אָבגעזאָגט פון די אַרבייט.

חאַנטשע: איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען ווער עס האָט היינט אויף אַגאַנצע שעה גערוקט דעם זייגער?

מאָטיל: מע... מע... מען האָט גערוקט דעם זייגער? איך דאַרף שוין אוועקגעהן. (לאָזט זיך געהן)

זעלדע: ער לויפט, עס הארט איהם עפּעס? זאָלסט שוין אריבער געהן צום מיסטער גאָלדענהענדלער און זאָלסט בעטען מען זאָל צוריק צונעהמען חאַנטשען צו דער ארבייט.

חאַנטשע: נאָ, נאָ, מען דאַרף נישט, איך געה מעהר נישט צו דער אַרבייט, איך וועל מעהר נישט ארבייטען.

זעלדע: וואס הייסט דו ווילסט נישט? וואָס דען וועסטו יעצט טהון?

חאַנטשע: יעצט וועל איך חתונה האָבען.

מאָטיל: האַ, וואס... הייסט?

חאַנטשע: זעה נאָר, זעה נאָר, ווי מיסטער מאָטילזאָהן האָט זיך דער־שראָקען? אַה, איך וויים, דו האָסט מורא עס וועט דיר פעהלען די פּאָר דאָלאַר וואס איך ברענג אַ היים? נעווער מיין, איזידאָר וועט אימער געבען די פּאָר דאָלאַר.

זעלדע: (בורטשעט) איזידאָר, איזידאָר...

חאַנטשע: איזידאָר, איזידאָר, וואס איז דער מעהר, איהר זאָלט נישט וואַגען קיין בייז וואָרט אויף מיין איזידאָר׳ען צו רעדען, ווען ער וועט היינט קומען וועל איך איהם זאָגען: איזידאָר, מיר געהען חתונה האָבען, און איינס, צוויי, דריי—ווער איך מאַדאַם איזידאָר איסערזאָהן. חאַ, חאַ, חאַ, איהר האָט געדאַרפט זעהען ווי איך האָב היינט דעם אויפזעהער מיט אַ שעפּעל פרישען פּאַפּ אופ׳ן קאָפּ אָנגעטהון, דער פּאַפּ איז איהם גערונען פון קאָפּ אין מויל אריין, פון מויל אין באָרד אריין, פון באָרד אין האַלז אריין. ער האָט אויסגעזעהן ווי המן ווען מען האָט איהם אָבגעגאָסען מיט, מיט... אָדעקאָלאָן. חאַ! חאַ! חאַ!

מאָטיל: וועמען? דעם דיקען מיסטער זאַלקין? איך שטעל מיר פאָר, וואס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט, חאַ חאַ האַ!

חאַנטשע: אָה, איך האָב גאָרנישט בעמערקט ווי מיינע הענד זענען נאָך מיט פּאַפּ (נעמט ביי מאָטלען דאָס טיכעל און ווישט זיך).

מאָטיל: וואס טהוסטו? האָסט מיר דאָס גאַנצע טיכעל אויסגעשמירט, זעלדע, גיב מיר אַנ׳אַנדער טיכעל.

זעלדע: מיינע צרות קען איך דיר געבען.

חאַנטשע: זעה נאָר ווי זי האָט אָראָבגעלאָזט די נאָז וואס האָסטו גע־

וואָלט, אַז ער זאָגט צו מיר: האַנטשע, נעם דיינע זאַכען און גיה צום טייוועל, זאָל איך איהם שווייגען? אָה נאָ! האַנטשע פערשווייגט נישט קיין עולות, אַלע מיידלעך האָבען זיך באַלד אויפגעהויבען, צום שטרייק זענען מיר אַרויס אַלע ווי איין האַנד.

מאָטיל: וואָס האָב איך דיר געזאָגט, זעלדע־זלאַטע.

זעלדע: געזאָגט, געזאָגט, עס איז מיר וואויל, עס איז מיר גוט, אויף די מיסעס זינגער געזאָגט געוואָרען. (אָב)

מאָטיל: אָבער נישט געזאָרגט, האַנטשע'לע, איך בין דיין טאַטע און איך לעב נאָך אויף דער וועלט, דו ווייסט דאָך אז איך גיה נאָר אַרויס אין גאַס אַריין.

האַנטשע: לאַפסטו באַלד אַ שנאַפּס מאַכען.

מאָטיל: חאַ, חאַ, חאַ, האָסט מיך טאַקי דערמאָנט איך האָב געמאַכט אַ שנאַפּס און איך האָב נישט פערביסען, קום אַריין וועלען מיר עפּעס עסען, די מאַמע האָט אָנגעגרייט לעבער וועלען מיר ביי איהר אויסנאַרען די לעבער (אָב).

האַנטשע: וואָס זאָגט איהר צו מיין טאַטען? איך זאָל געהן ביי דער מאַמען אויסנאַרען די לעבער, אוי טאַטע טאַטע ביזט אַ ש... ש... שמאַטע. גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען פאַר די רייד. (אָב)

## אויפטריט סעם.

סעם: וואו איז האַנטשע?

## אויפטריט האַנטשע, מאָטיל.

האַנטשע: אָה, העללאָ, העללאָ!

סעם: העללאָ!

מאָטיל: ווער איז דער?

האַנטשע: וואָס, דו קענסט איהם נישט? דאָס איז דאָך אַ געזאַנדטער פון פיינדליבען לאַנגער.

מאָטיל: וואָס?

האַנטשע: דער עלווייטער באָי!

מאָטיל: ווער?

האַנטשע: דער ווינדוואַש, דער וואָס פיהרט די ווינדע אַראָב און אַרויף.

מאָטיל: עליוויאַטער באָי? העללאָ, נו, אַז דער עליוויאַטער באָי איז דאָ מעג איך שוין טאַקי געהן (אָב).

האַנטשע: דיך האָט אוראי געשיקט אַהער דער אויפזעהער?

סעם: נײַן, מיס. גלײַך ווי איהר זענט אַרונטער, בין איך צוגענאַנגען צום אױפֿזעהער פֿון פֿאַבריק און האָב אַרױסגעזאָגט מײַן מײנונג און האָב מיך גלײַך ענטזאָגט פֿון דער שטעלע. איהר װײסט, מיסטער גאָלדהענדלער. דער באָס, האָט מיר שוין לאַנג געבעטען, אַז איך זאָל קומען צו איהם טרײַבען דעם עלעװײטער בײַ איהם אין הױז אין די װענסאיר דראַװ און איך האָב אַזױ געטהון. איך בין גלײַך אַהין אַװעק. און מאָרגען געה איך צו דער אַרבײַט.

חאַנטשע: אָה, סעם, מיך פֿרעהט זעהר, װאָס דו װעסט דורך אונז נישט דאַרפֿען לײַדען.

סעם: נײן, נישט דאָס האָב איך געמײנט, איהר פֿערשטעהט איך האָב מיך געהאַלטען אין דער פֿאַבריק דערפֿאַר װײַל איהר זענט דאָרט געװען, אַז איהר זענט שוין דאָרט מעהר נישטאָ איז מיר...

חאַנטשע: אָה, איך פֿערשטעה דו װילסט זיך מיר ערקלעהרען אין ליעבע, יאָ, געטראָפֿען?

סעם: יאָ געטראָפֿען, יעצט אַז איך האָב אַזאַ שענעם פּאָסטען האָב איך שוין נישט קײן מורא צו זאָגען אַז איך ליעב אײַך, איהר װײסט װען איך זאָל רעדען צום מיסטער גאָלדהענדלער פֿאַר אײַך אײן װאָרט, בעקומט איהר בײַ איהם אין שטוב אַ פּאָסטען זאָגאַר פֿאַר אַ הױזמײדעל, זאָ װאַר איך לעב, און דאַן אַז מיר װעלען זײַן צוזאַמען װעלען מיר קענען מאַכען אַ שען לעבען,

חאַנטשע: אַזױ? װעלען מיר מאַכען אַ שען לעבען? זאָג־זשע מיר װאָס זאָל איך מאַכען מיט מײַן חתן?

סעם: מיט װעמען? מיט איזידאָרען? ער האָפּט בײַ מיר אַ קנאַק אַראָב פֿון אַלע טרעפּ, פֿױ, איך האָב איהם פֿײַנד ער איז נישט קײן פֿײַנער מענש.

חאַנטשע: סעם, נאָר קײן װאָרט, הערסט.

סעם: אײַ דאַן קעהר, איהר מעגט מיך זאָגאַר פֿון אַלע טרעפּ אַראָב װאַרפֿען און איך װעל דאָך רעדען, דאָס הײסט קײן שלעכטס װעל איך נישט רעדען נאָר איך װעל זאָגען דאָס, װאָס איך װײס.

חאַנטשע: װאָס?

סעם: זאָלאַנג ער איז געװען אַ שטיקעלע בוכהאַלטער בײַ מיסטער גאָלדהענדלער אין פֿאַבריק איז געװען אָלרײַט, קוים האָט איהם אָבער מיסטער גאָלדהענדלער געמאַכט פֿאַר אַ שטיקעלע פּריװאַט סעקרעטאַר איז שוין אַזױ... דאָס הײסט קײן שלעכטס װעל איך אױף איהם נישט רעדען, נאָר דאָס מוז איך זאָגען אַז ער איז

ניִשט קיין פֿיינער מענש, אז ער איז אַ שכּור, אַ קאָרטען שפּיע-
לער און ער איז...

חאַנטשע: עפּעס ווייסטו, שוין זאָלסטו מיר זאָגען וואָס דו ווייסט.

סעם: איך ווייס, אַז ער ליעבּט אייך ניִשט, ער ליעבּט מיס גאָלדענהענד-
לער, זי ליעבּט איהם אויך.

חאַנטשע: עס איז אַ ליגען, פֿון וואַנען ווייסטו דאָס, שוין זאָלסטו
מיר דאָס זאָגען.

סעם: פֿון וואַנען איך ווייס? איך וועל אייך זאָגען. נאָכהער ווען איך
בין פֿערבּיי געגאַנגען דעם סאַלאָן, האָבּ איך געזעהן ווי
פֿראַנציס איז געזעסען ביי די פּיאַנאָ און האָט געשפּיעלט דאָס
ליעד, „דאָרט וואו די ליעבּע וואוינט״.

חאַנטשע: הערט אַ משל, נו איז וואָס? עס איז אַ שעהן ליעדעל
איך האָבּ עס אויך ליעב צו זינגען, איז דערפֿון נעמסטו אַז ער
ליעבּט זי?

סעם: ניין, ניִשט דאָס איז אַלעס, ווען זי האָט געשפּיעלט איז איזידאָר
געשטאַנען נעבּען איהר און האָט זי אַהיים גענומען און האָט
איהר...

חאַנטשע: עס איז אַ ליגען, שוין זאָלסטו אַרויסגעהן פֿון דאַנען, דו
הערסט.

סעם: אָה, מיס מאָטילזאָהן! חאַנטשע, איך וועל אייך גליקליך מאַכען,
גלויבּט מיר ביז ביי אונז וועט זיין אַ קליינטשיקעס וועלען מיר
נעמען צוויי צימער׳ן און מיר וועלען לעבּען גליקליך און אויב
איהר ווילט ניִשט זיין קיין דינסט ביי מיסטער גאָלדהענדלער
דאַרף מען ניִשט, איך וועל אַרבּייטען און פֿערדינען.

חאַנטשע: שאַר אָפּ, דו ביזט אַ ווילדער, אַ קינאָמאַטאָגראַף אינטריגאַנט,
אַרויס, שוין זאָלסטו אַרויסגעהן (געהט צום טיר, מאַכט זי אויף).

### אויפֿטריט איזידאָר.

סעם: מיס מאָטילזאָהן, חאַנטשע, איך וועל אייך גליקליך מאַכען
(נעמט אַרום איזידאָרען, דערזעהט איהם, צולאַכט זיך, אָב).

חאַנטשע: נו, וואָס שטעהסטו פֿון ווייטען? נעם מיך אַרום און גיב
מיך אַ דריק צו זיך, אַז איך זאָל דערפֿיהלען דעם טעם פֿון גן-
עדן, איך בּענק שוין נאָך אַ קוש ווי אַ שכּור נאָך אַ ביסעל
בראָנפֿען. חאַ, חאַ, חאַ! דו בּיזט אפשר איפּערזיכטיג, וואָס דו
האָסט דאָ געטראָפֿען דעם עליוועיטער־באָי? נו, זיי ניִשט קיין

נאַר און נעם מיך אַרום און קוש מיך. אָה, ווי איך פֿערשטעה, וועל איך היינט מוזען זיין די ערשטע, נו, ר׳ חאַנטשע, זייט אייך מטריח און גיט איהר דעם ערשטען קוש (וויל איהם קושען, איזידאָר לאָזט נישט).

**איזידאָר:** הער אויף, חאַנטשע.

**חאַנטשע:** ווי איך פֿערשטעה ערגערט דיך דאָס וואָס מיט מיר האָט היינט פּאַסירט אין די פֿאַבריק, נו, איך האָב דאָך נישט געקענט אַנדערש. אַזאַ מערזאַוויעץ, ער הייסט מיך נעמען די זאַכען און געהן צום טייוועל. ווען ער רעדט צו מיר אַנדערש וואָלט עס אַנדערש געווען. חאַ חאַ חאַ, האָסט געראַפּט זעהן ווי איך האָב איהם אָנגעטהון אַ שעפּעל מיט הייסען פּאַפּ אויפ׳ן קאָפּ, חאַ, חאַ, חאַ! (פּויזע) וואָס איז דאָס היינט מיט דיר? וואָס שטעהסט דו? וואָס ביזטו געקומען?

**איזידאָר:** איך בין געקומען מיט דיר רעדען איין ערענסט געשעפֿט.

**חאַנטשע:** וועל, אַרויס דערמיט.

**איזידאָר:** איך האָב די לעצטע צייט אַריינגעקוקט אין מיין צוקונפֿט און איך האָב אויסגעפֿונען אַז מיר פֿערלירען נאַר אומזאָנסט די צייט.

**חאַנטשע:** זעהסטו איך מיין אויך אַזוי.

**איזידאָר:** מיך פֿערדריסט זעהר וואָס דו פֿערשטעהסט מיך נישט ווי איך וויל.

**חאַנטשע:** חתונה האָבען, אָט דאָס וויל איך אויך, די פֿאַבריק איז מיר שוין נמאס געוואָרען, ווען דו זאָלסט ...

**איזידאָר:** דו האָסט מיך נישט פֿערשטאַנען, חאַנטשע, יך אוויל אַז דו זאָלסט מיך פֿריי לאָזען.

**חאַנטשע:** פֿריי לאָזען?

**איזידאָר:** יעס! דען וואָס קען די ענדע זיין איך בין אָרעם און דו ביזט אָרעם, און חתונה האָבען אום צו זיין אויף צרות וואָלט נאַר געווען אַנ׳אונזין און אַ פֿערברעכען.

**חאַנטשע:** צו וואָס ביזטו געקומען? דאָס ביסעל גיפֿט וואָס דו האָסט אין דיין מויל געבראַכט האָסטו דאָך געקענט מיר דורך אַ בריעף אַריינשיקען. אָה, איך פֿערשטעה, דו ביזט געקומען נאָך דעם קליי־נעם געשאַנק וואָס דו האָסט מיר געגעבען — נאַ, נעם איהם, (וואַרפֿט דאָס רינגעל אויפ׳ן טיש).

**איזידאָר:** ניין, איך בין נישט אַזוי שלעכט און פֿערדאָרבען, איך

פֿערשטעה, אַז איך טהו דיר איין ווייניג אונרעכט און איך וועל עס פֿערגעלטען.

חאַנטשע: פֿערגעלטען?

איזידאָר: יעס. (לעגט געלד אויפ'ן טיש) דאָ האָסטו אַ סומע געלד.

חאַנטשע: געלד? געלד? דאָס האָט דיר געווים געגעבען די רייכע מיס גאָלדהענדלער, כדי דו זאָלסט דערמיט אָבקויפֿען דאָס הערץ ביי דער אָרימער קעסטעל־מאַכערין! האָסט איהר חאָטש דער־צעהלט, אַז ווען דו ביזט אראָבגעקומען קיין אַמעריקאַ עלענד, האָבען מיר דיך אַלס לאַנדס־מאַן אויפֿגענומען און דיר געגעבען עסען און טרינקען, האָסטו איהר דערצעהלט, ווי איך, די אָרימע קעסטעל־מאַכערין, האָב דיר דעם ערשטען אַנצוג געמאַכט הינטער מיין טאַטען'ס וויסען, און איצט גיעסטו מיר אָב געלד? נאָ דיר דיין געלד, דיין שמוץ! (צורייסט) נאָ דיר און געה!

איזידאָר: אַז דו טרייבסט מיך, געה איך. (אָב)

חאַנטשע: (וויינט) איזידאָר, איזידאָר, שוין צום צווייטען מאָל האָט מען מיר היינט אָבגעזאָגט: דער באָס מיינער האָט מיר אָבגע־זאָגט פֿון דער אַרבייט און דער חתן מיינער האָט מיר אָבגעזאָגט פֿון צו זיין זיין כלה. וואָס בלייבט מיר יעצט צו טהון? זאָל איך פֿיליייכט ווערען אַ גאַסען־מיידעל, ווי מיין חבר'טע האָט געטהון, ווערען אַ ליידי פֿון בראָדוויי און זיך נישט קימערן פֿון קיין זאַך? (ביים שפּיגעל) יאָ, איך בין נאָך גענוג שען, אָבער וואָס וועט די ענדע זיין? אָ, אַז איך דערמאָהן זיך די ענדע, געהט מיר דורך אַ גרויל דורכ'ן לייב. ניין, אַלעס וועל איך ווערען, נאָר נישט קיין ליידי פֿון בראָדוויי! (זינגט)

# די דאַמען פֿון בראָדוויי.

1.

וועין זי וואַהר נאָך קליין,
וואַהר זי זעהר שען,
נאָר אָרים אָהן אַ שיעור.
אין אַ פּראַצאָוניע האָט זי
געאַרבייט מיט מיה,
ביז דער אויפֿזעהער זאָגט אַמאָל צו איהר:
דו דאַרפֿסט נישט מעהר

אַזוי אַרבּײַטען שווער,
ניִשט דאָס דאַרף זײַן דײַן ציִעל.
און אַמאָל בײַנאַכט
האָט ער זי גענבראַכט
איִן אַ הויז פוּן דאַמען פיִעל.

רעפרײַן:

אָט דאָס זענען די דאַמען פון בראָדוויי —
האָט ער זי פיִעל פאָרגעשטעלט פאַר זײ,
זײ ווײסען פון קײַן קיִמער,
זײ לעבען פרעהליך איִמער,
ווײַל זײ זענען די דאַמען פון בראָדוויי. (בּיִס רעפ.)

2.

ס'איִז אַוועק אַ פּאָר יאָהר,
פון איהר אָרימקײַט קײַן שפור,
רײַך איִז זי אָהן אַ שיעור.
פאַר איִהרען אַ וואונק
ליגען שנעל און פליִנק
פיִעל מענער און קניִהען פאַר איִהר.
ווען זי פאָהרט איִן אַ קאַרעט
מיִט איִהר טואַלעט
רופט עס אַרוים בײַ יעדען אַ געשרײַ,
און יעדער רופט־אויס
מיִט פערוואונדערונג־גרויס,
אַז דאָס איִז די דאַמע פון בראָדוויי.

רעפרײַן:

אָט דאָס איִז די דאַמע פון בראָדוויי,
זי פאָהרט פערבײַ און קוקט זיך ניִשט אום אויף זײ,
זי לעבט יעצט פרעהליך איִמער,
זי ווײסט ניִשט פון קײַן קיִמער,
ווײַל זי איִז שוין אַ דאַמע פון בראָדוויי (בּיִס).

3.

איִן אַ האָספּיִטאַל
האָט פּאַסיִרט אַ פאַל,

נעשטארבען איז פאציענ
איך בין דארט געווען,
איך האב זי געזעהן
און האב זי נישט דערקענט.
אין א ווינקעלע אויף א בעט
איז געלעגען א סקעלעט,
רוהיג, בלאס און שטיל,
און דער דאקטאר האט דארט
יעדען זאפארט
ערקלערט מיט טרערען פיעל,

רעפריין:

אז דא ליעגט א דאמע פון בראדוויי,
גליקליכער וואהר זי ווי יעדער פון זיי,
זי האט נישט געוואוסט פון קיין קימער,
יעצט געהט זי אוועק אויף אימער,
ווייל זי וואהר א דאמע פון בראדוויי (כ״ם).

## אויפטריט זעלדע־ולאטע.

**זעלדע:** וואס איז מיט דיר היינט, חאנטשע?

**חאנטשע:** גארנישט, מאמעניו, איך האב נאר היינט דעם צווייטען סעק בעקומען.

## אויפטריט מאטיל.

**מאטיל:** וואס איז דא, איזידאר איז פאר מיר פערבייגעגאנגען, גלייך ווי ער קאן מיך גארנישט, ער איז דא געווען?

**חאנטשע:** יעס, ער איז געקומען זאגען, אז דער מיסטער מאטיל מאטילזאהן געפעלט איהם נישט פאר קיין שווער.

**זעלדע:** איך האב עס פריהער געוואוסט, פארוואס האסטו מיך נישט אריינגערופען? נו, און דו מאטיל, וועסט עס איהם שווייגען?

**מאטיל:** וואס הייסט, איך וועל איהם שווייגען? וואס בין איך עפעס קיין טאטע נישט. איך וועל איהם ווייזען, פון איין געריכט אין צווייטען וועל איך איהם שלעפען, מיך וועט קיין סענט נישט קאסטען, איך האב בעקאנטע אדוואקאטען אזוי ווי די הינד, מען וועט זיך אננעהמען פאר חאנטשע׳ס קריוודע, איך וועל איהם ווייזען.

**חאנטשע:** חא, חא, חא, דאס וועט זיין גרויסארטיג, טאטעניו,

מאַמעניו, ווינשט מיר גליק צו מיין נייער אונטערנעהמונג!

זעלדע: וואָס מיינסטו, האַנטשע?

האַנטשע: איך וועל איהם און די אַלע, וואָס טהון מיר שלעכטס, אָבשפּיעלען אַזאַ חתונה, אַז זיי וועלען מיך אַלע האָבען צו געדענקען, האַנטשע דאַרף נישט האָבען קיין אַדוואָקאַטען און קיין נעריכטען, האַנטשע קען זיך אַליין איהר שטערטעל בעשטעהן, אָ, יאָ, ס'וועט ווערט זיין מיינע איינינגע פערגאָסענע טרעהרען.

אויפטריט מיידלעך.

מיידלעך: האַנטשע, מיר האָבען געזיגט, מיר האָבען געוואונען דעם סטרייק!

אַיינע: מיר שטעהען אַזוי אין דרויסען, קומט אַרויס מיסטער זאַלקינד און זאָגט, אַז מאָרגען קענען מיר צוריקגעהן צו דער אַרבייט.

האַנטשע: אָללרייט! איך ווינש אייך גליק, איהר קענט געהן צוריק צו דער אַרבייט, איך נישט, איך אַרבייט נישט מעהר קיין פּאַפּירענע קעסטלעך, איך וועל יעצט מאַכען הילצערנע קעסטלעך און בעגראָבען אַ פּאָר פון די יעניגע, וועלכע שפּיעלען זיך מיט די הערצער פון די אָרימע אַרבייטער־מיידלעך, ווי מיר זענען (לאָזט זיך געהן).

אַלע: וואוהין, האַנטשע, וואוהין?

האַנטשע: וואוהין? דאָס איז מיינע ביזנעס, דאָס איז מיין זאַך. (מוזיק שפּיעלט פּאָרטאָ).

פאָרהאַנג.

---

# צווייטער אקט.

(אַ רייך פערפּוצטער זאל ביי גאָלדהענדלער, צוויי פּינגסטער־טהירען, לינקס צוויי טהירען, אין דער מיט אַ ווינדע, בעפּאָר זאַנעוועס שפּיעלט מוזיק „אַ וויבּ—אַ מאַן“, מען קלינגט).

---

אויפטריט סוזי.

סוזי: איי עם קאָמינג, מעם, איי עם קאָמינג (געהט אָב). (גאָלדהענדלער שטעקט אַריין דעם קאָפּ און רופט)

גאָלדהענדלער: סוזי! סוזי! (דערהערט איזיראָר'ס שטימע, נעהט צוריק).

**אויפֿטריט איזידאָר** פֿון ווינגע, **סוזי** פֿון טהיר.

אִיזִידאָר: אִיז מִיס פֿראַנצִיס אִין אִיהר צימער?

סוזי: נאָ׳, סער, מִיס פֿראַנצִיס אוּן מִיס לואיזאַ זענען ארויסגעפֿאָהרען אִין צענטראַל־פּאַרק.

אִיזִידאָר: אִין אַנ׳אויטאָמאָבִיל?

סוזי: יעס, סער.

אִיזִידאָר: אוּן וואו אִיז עדי?

סוזי: דער שלימ׳מזל׳דיגער עדי, דעם באָס׳עס זוהנדעלע, ער אִיז געגאַנגען קויפֿען בלומען פֿאַר לואיזאַ! אִיהר קענט זִיך שוין פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַ בלומען ער וועט ברענגען!

אִיזִידאָר: זאָג נאָר, סוזי, האָסטו אִין דעם נייעם שאָפֿער עפּעס בעמערקט?

סוזי: יעס, סער!

אִיזִידאָר: וואָס?

סוזי: אַז ער אִיז זעהר שען אוּן אַז מיין האַרץ הויבט־אָן צו פּלאַטערן, ווען אִיך דערזעה אִיהם.

אִיזִידאָר: צום טייוועל, מִיר דאַכט, אַז ער האָט דאָ אַלע פֿרויען בעצויבערט. (איזידאָר אָב. פֿון דרויסען הערט מען עדי׳ס שטימע).

סוזי: אַהאַ! דער שלימ׳מזל׳דיגער עדי געהט שוין אַהער, עס האָט שוין געמוזט מִיט אִיהם פּאַסירען.

**אויפֿטריט עדי מיט בלומען (פֿאַלט).**

עדי: אוי, אוי, (צוקוועטשט די בלומען).

סוזי: וואָס אִיז געשעהן מִיט די בלומען?

עדי: אִיך געה אַזוי אִין גאַס, האָב אִיך דערזעהן אַ געשטעה, בִּין אִיך אויך צוגעגאַנגען; אִיך זעה, ווי צוויי שכּורים שלאָגען זִיך, אִיך דרעה מִיך שוין אוים אַוועקצוגעהן, אַז אִיך דערפֿיהל אַ קלאַפּ אִין די פּלייצע, אִיך דרעה מִיך אוים, — די בלומען ליגען אויף דער ערד אִין בלאָטע אוּן דער שכּור ליגט צושרויפֿט אויף זיי ווי אויף אַ פּערינע.

סוזי: נו יאָ, אַזוי פֿיעל מענשען זענען געשטאַנען אוּן געקוקט, האָט מִיט קיינעם גאָרנישט פּאַסירט נאָר מִיט אִיהם.

עדי: נו, אוּן וואו אִיז לואיזאַ?

סוזי: מִיס פֿראַנצִיס אוּן מִיס לואיזאַ זענען אִין צענטראַל־פּאַרק אויף שפּאַצִיער.

עדי: געגאַנגען צו פֿוס?

סוזי: נאָו, געפֿאָהרען מיט דעם אויטאָמאָביל.

עדי: מיט דעם נייעם שאָפֿער?

סוזי: יעס, סער!

עדי: צום טייוועל מיט איהם. (גאָלדהענדלער שטעקט אַריין דעם קאָפּ).

גאָלדהענדלער: סוזי!... סוזי!... סוזי! סוזי!

סוזי: אָ, דער אַלטער געהט שוין אַהער מיט זיין רעוומאַטיזם.

גאָלדהענדלער: ווען עס איז אַ מאָרגנער טאָג, האָב איך ליעב צו קיקען אין דיין שען פּנים'על, מיין קליין, שען מעדעלע! אוי, מיינע פֿיס! (חאַפּט זיך ביי דעם פֿיס).

סוזי: אָ, סער!

גאָלדהענדלער: אָ סער, נאָו סער, אָדער יעס סער, מעהר הער איך נישט פֿון דיין שען מייליעב'ל, מיין קליין, שען מעדעלע! העלף מיר צוגעהן צום טיש! אוי, מיינע פֿיס! (סוזי פֿיהרט איהם צו) דער פּרינציפּ פֿון מענשענ'ס ליעבע איז נאָר צו לעבען מאָראַליש, דערום נעהם מיין ראַטה און ענטלויף פֿון דעם, וואָס פֿיהרט די ווינדע אַראָב און אַרויף.

סוזי: יעס, סער!

גאָלדהענדלער: מייד־אוים שאָפֿערס, זיי זענען נאָך געפֿעהרליכער; אַ שאָפֿער גיעט אַ בלאָז און לאָזט דיך איבער אַנ'אָנגעבלאָזענע!

סוזי: יעס, סער!

גאָלדהענדלער: מיין קינד, שען מעדעלע (גלעט איהר).

סוזי: זייט פּאָזיטיוו, די מאַדאַם איז אין איהר צימער.

גאָלדהענדלער: ווירקליך, און איך האָב געדענקט, אַז זי איז אַרויסגעפֿאָהרען.

סוזי: נאָו, מיס פֿראַנציס און מיס לואיזאַ זענען נאָר אַרויסגעפֿאָהרען.

גאָלדהענדלער: איך האָב בעמערקט, זייט דער נייער שאָפֿער איז דאָ, נעהמט פֿראַנציס און לואיזאַ צופֿיעל אויטאָמאָביל־רייזעס.

סוזי: יעס, סער, דער נייער שאָפֿער איז זעהר אַ שענער יונג!

גאָלדהענדלער: סוזי! סוזי, אַז מען זוכט שענקייט, געפֿינט מען דעם דלות! שענקייט בעלאַנגט נאָר אַזאַ זיס מיידעלע ווי דו ביזט! און עס איז אַ הערץ־ערקוויקונג פֿאַר אַזאַ מאַן ווי איך בין. מיין קליין, שען מעדעלע! (גלעט זי).

**אויפֿטריט פֿלאָרענס.**

פֿלאָרענס: רובין!

סוזי: די מאַדאַם. (אָב)

גאָלדהענדלער: אױ, מײַן פּיס! מײַן טײַערע פלאָרענס! זי האָט מיר נאָר געהאָלפען צוגעהן צום טיש.

פלאָרענס: יעס, איך האָב געזעהען! דו ערלױבסט זיך נאָך אַלין זאָ פיעל מיט די דיענסט־מעדכען! איך װעל אָבער מאַכען אַ סוף דערצו! אַ שאַנדע! אַזאַ אַלטער מאַן זאָל זיך נאָך זאָ װאָס ערלױבען! װאו איז דײַן ראַנג, דײַן זעלבסט־רעספּעקט, אַלס פאָטער פון דערװאַקסענע קינדער!? איך װעל זעהען, װאו דײַן שטאָלץ און דײַן זעלבסט־װירדע װעט זײַן, װען בלױז נענערקעס װעלען דיך בעדיענען!

גאָלד׳: מײַן טײַערע פלאָרענס! שטאָלץ זײַן איז אַ פערברעכען און גרױסהאַלטען זיך איז אַ זינדע.

פלאָרענס: דו װעסט עס נישט טהון.

גאָלד׳: איך װעל עס יאָ טהון, דען דאָס פּלאַץ, װאָס איך פערנעהם אין דער געזעלשאַפט, הײסט מיך האַלטען מײַן הױז אַנשטענדיג. יאָ, איך האָב גאָר פערגעסען, אַז דו בױזט די װיצע־פּרעזידענטין פון די סופראַזשיסטקעס! אַ באַנדע אַלטע, מיאוס׳ע מױדען, װעלכע האַסען די מענער נאָר דערפאַר, װײַל קײנער װיל זיך אויף זיי נישט אומקוקען. אױ, מײַנע פּיס!

פלאָרענס: איהר װעט אײַך נאָך האַלטען בײַ די קעפּ, װען מיר װעלען אײַך נעהמען אין די הענד אַרײַן!

## אויפטריט עדי.

עדי: העלאָ, פּאַפּאַ! העלאָ, מאַמאַ! לואיזאַ און פראַנציס זענען נאָך נישט געקומען?

פלאָרענס: נײַן.

עדי: זינט דער נײַער שאָפער איז דאָ, האַלט פראַנציס אין אײן אַרומפאָהרען מיט איהם.

גאָלד׳: זיי האָבען זיך גענומען צום נײַעם שאָפער, װי בינען צום האָניג.

עדי: אײַ דאָן קער פאַר פראַנציס, זאָל איזידאָר דערפאַר זאָרגען, נאָר לואיזאַ, אַז מיר האָבען איהר געלטען געזאָגט: זי איז צופיעל מחותן מיט׳ן שאָפער, האָט זי געזאָגט, אַז ער איז שען װי אַן׳עפּעל! פּאַפּאַ, אַן׳עפּעל איז עפּעס שען?

פלאָרענס: נישט װי אַן׳עפּעל, נאָר װי דער גאָט אַפּאָלאָן.

גאָלד׳: יעס! די פרױען קוקען נישט, װאָס פאַר אַ װײַן עס איז אין

פּאַס, אַבי דער פּאַס אַליין זאָל זיין שען. מיין זוהן, ווען נאָט האָט בעשאַפען די פרוי... —

**עדי:** אָ, פּאַפּאַ, הער אויף מיט דיינע דרשות! איך וועל מאַכען דערצו אַ סוף, ווען ער וועט נאָך היינט קומען, ווען דער שאָפער וועט נישט וועלען געהן.

**גאָלד׳:** האַ, האַ, האַ, דער יונגע איז איפּערזיכטיג.

**עדי:** אייפערזיכטיג בין איך נישט, נאָר גלאַט, עס קרענקט מיך.

**פלאָרענס:** אַז דו ביזט נישט אייפערזיכטיג, פאַרוואָס ווילסטו איהם הייסען געהן? נישט אַזוי גיך געפינט מען אַזאַ שאָפער. ער איז זעהר פאָרזיכטיג אין פאָהרען, טרינקט נישט, רויכערט נישט, און דאַן איז ער אַזוי שען!

**עדי:** פּאַפּאַ! די מאַמאַ איז אין איהם פערליעבט!

**פלאָרענס:** עדי!

**גאָלד׳:** חאַ, חאַ, חאַ!

**עדי:** פּאַפּאַ, זעה, ווי זי איז רויט געוואָרען!

**גאָלד׳:** האַ, האַ, חאַ:

**פלאָרענס:** רובין!

**גאָלד׳:** אוי, מיינע פיס!

**פלאָרענס:** פוי!... איהר ביידע, פאָטער און זוהן, איהר זייט מיר ביידע אונערטרעגליך! (אָב)

**גאָלד׳:** מיין זוהן, דאָס ווילכטיגסטע געבאָט איז...

**עדי:** פּאַפּאַ, הער אויף מיט דיינע מוסר׳ן, גיעב מיר בעסער עטליכע דאָלאַר, איך האָב נישט קיין סענט.

**גאָלד׳:** אָ, נאָו, געלד, שוין צופיעל געלד פערברענגסטו.

**עדי:** וואָס, דו וועסט נישט געבען? ניין? (נעהמט אַרויס אַ פענסנע) פּאַפּאַ, עס איז דיינע פענסנע?

**גאָלד׳:** מיינע!

**עדי:** גיעב־זשע געלד!

**גאָלד׳:** געלד? ניין, זיי זענען נישט מיינע!

**עדי:** וועל איך געהן פרעגען, ווי קומען די פענסנע צו דער דיענסט אין קיך אַריין?

**גאָלד׳:** וויפיעל געלד ווילסטו?

**עדי:** אַ הונדערטער וועט זיין גענוג!

**גאָלד׳:** אוי, מיינע פיס!

**עדי:** נו, גיעסט געלד? מאַמאַ! מאַמאַ!

גאָלד׳: נאַ דיר געלד, נאַ דיר געלד, גיב־זשע די פּענסנע!

עדי: טאָ גיב־זשע געלד!

גאָלד׳: גיב פריהער די פענסנע, דאַן וועל איך דיר געבען געלד.

עדי: גיב פריהער געלד, דאַן וועל איך דיר געבען די פענסנע.

גאָלד׳: וואָס? דו טרויסט נישט דיין פּאַפּאַ?

עדי: וואָס? דו טרויסט נישט דיין זוהן?

גאָלד׳: ווייסטו וואָס? איך וועל האַלטען אַ העלפט פון דיין פענסנע און דו האַלב פון געלד!

עדי: נו, גוט! (רייסט־איבער דאָס געלד) נאַ! אָט האָסטו דיר מיין מזל!

**אויפטריט פראַנציס, לואיזאַ, חאַנטשע** אַלס שאָפער מיט פּעקלעך.

פראַנציס: העלאָ, פּאַפּאַ! העלאָ, עדי!

לואיזאַ: שאָפער, טראָגט אַרויף די פעקלעך.

עדי: אַרויפצוטראָגען פעקלעך זענען דאָ דיענער! אָדער דער עלעוויי־טער בּאָי! אַ שאָפער דאַרף זיין אונטען, ביי דער מאַשין! און אַז די מאַשין איז אין גאַראַזש און ער האָט נישט וואָס צו טהון, איז זיין אָרט אין דער קעך מיט די דיענסט־מערדלענס!

חאַנטשע: איך וואָלט מיט פערגניגען געבליבען אין קיך ביי די דיענסט־מערדלענס, נאָר אַזוי ווי איהר זענט דאָרט אַ גאַנצען טאָג— וויל איך אייך נישט שטערן!

גאָלד׳: חאַ, חאַ, חאַ!

עדי: פּאַפּאַ! דו לאַכסט אויך!?...

גאָלד׳: אוי, מיינע פיס!...

עדי: נאָך היינט זאָלסטו איהם הייסען געהן!

פראַנציס: עדי, לאָז! וואָס איז דאָס היינט מיט דיר?

עדי: איך וויל. אַז דער עפּעל זאָל וויסען, ווער ער איז!

חאַנטשע: איך ווייס, ווער איך בין; איהר אָבער ווייסט נישט!

עדי: עס איז נישט אַזאַ גרויסע עהרע צו וויסען, ווער און וואָס זענען דיינע מאַנערען!

פראַנציס: שאָפער, נעהמט פון איהם קיינע נאָטיץ; ער איז נישט מעהר ווי אַ יונגעל!

עדי: פּאַפּאַ! איך בין אַ יונגעל און ער איז אַ מאַן!?

פראַנציס: ער איז מעהר מאַן פון דיר, ער ווייסט ווי אַזוי זיך צו בענעהן און דו נישט!

עדי: פּאַפּאַ, מיר דאַכט, אַז זי איז אין איהם אויך פערליעבט!

גאָלדהענדלער: חאַ, חאַ, חאַ!...

לואיזאַ: פּוי, עדי! וואו זענען דיינע מאַניערען?

פראַנציס: פּאַפּאַ! וואָרום שווייגסטו איהם?

גאָלד': מיין קינד, איך האָב נאָר וואָס בעצאָהלט הונדערט דאָלאַר פאַר שווייגען! (אָב)

פראַנציס: ווען די מאַמאַ זאָל דערפון וויסען! (אָב)

לואיזאַ: פּוי, איך האַס דיך! איך האַס דיך! איך האַס דיך! (אָב)

עדי: געה אַרויס פון דאַנען! געה אַרויס פון דאַנען! אַז דו וועסט נישט געהן, וועט מען דיך אַרויסוואַרפען!

האַנטשע: עט! איך לאָז מיך נישט אַזוי לייכט אַרויסוואַרפען!

עדי: געהט אַרויס, וואָרום איך וועל אייך אויפעסען!

חאַנטשע: אויפעסען? עט! מיך עסט מען נישט אויף!

עדי: געה אַרויס, זאָג איך דיר!

חאַנטשע: אַ ביסעל שפּעטער, נישט יעצט!

עדי: וועסט נישט געהן! נייִן?

חאַנטשע: נייִן!

עדי: נייִן?

האַנטשע. נייִן!

עדי: וועט מען דיך אַרונטערוואַרפען! סעמי! סעמי! וואַרף אַרויס דעם שאָפער! געשווינד! וואָרום איך שיס דיך! געה בעסער אַרויס!

חאַנטשע: לואיזאַ איז אַ זיס מיידעלע, זי איז אָבער מיין... און ווען איך זאָל וועלען, וואָלט איך באַלד מיט איהר התונה געהאַט!

עדי (נעהמט־אַרויס אַ קינדעריש ביקסעל): געה אַרויס! געה אַרויס!

האַנטשע: נייִן! איך געה נישט!

עדי: נייִן? נייִן?—געה איך אַליין אַרויס!

## אויפטריט סעמי.

סעמי: ווּעמען דאַרף מען דאָ אַרויסוואַרפען, היילינגער שטרויזאַק?... דאָס איז דאָך חאַנטשע!...

האַנטשע: שווייג שטיל, וואָרום איך דערווערג דיך!

סעמי: שוין! איך בין שוין שטיל ווי אַ פיש!

האַנטשע: דאַרפסט וויסען, אַז איך בין אַ מאַן!

סעמי: דאָס דאַרף מען זיך איבערצייגען צוערשט.

חאַנטשע: שלאָג זיך גוט אַריין אין קאָפּ, אַז איך בין אַ מאַן.

סעמי: אז איך קען מיר נישט פון קאפּ אַרויסשלאָגען, אז איהר זענט אַ מויד!

חאַנטשע: בּיז איך וועל נישט אויספיהרען מיין ראָלע, בּלייבּ איך אַ מאַן.

סעמי: ..יבּ דו בּיזט אַ מאַן, מעג איך דיך אַרומנעהמען און געבּען אַ קוש.

חאַנטשע: עס וועט נישט האָבּען קיין טעם: בּרויט מיט בּרויט.

סעמי: אָ, איך האָבּ גאַר פערגעסען, אַז איזידאָר איז דאָך דאָ, און ווי וועט זיין, ווען ער וועט אייך דאָ טרעפען און וועט אייך דערקענען?

חאַנטשע: איך וועל איהם איינמיידען ווי ווייט איך וועל נאָר קענען.

סעמי: חאַ, חאַ, חאַ!... עס איז מעהר שפּאַס, ווי איך האָבּ גע־רעכענט!

חאַנטשע: אַלע פרויען זענען דאָך דאָ פערליעבּט אין מיר! אין קיך בּיי די דיענסטען בּין איך דאָך אַ גאַנצער טערקישער סולטאַן. איך פרעגעל מיך דאָ אין האָגיג און אין הינער־שמאַלץ.

אויפטריט סוזי.

סוזי: אי בּעג יור פּאַרדאָן!

חאַנטשע: סוזי! לעט מי טאַטש! אָ, לאָמיך דיך אַרומנעהמען

סעמי: סוזי! לעט מי טאַטש! לאָמיך דיך אַרומנעהמען!

סוזי: ווען יעמאַנד דאַרף אַרומנעהמען, וועט ער עס טהון.

חאַנטשע: סעמי, דו ווייסט, סוזי איז מיין גוירל?

סעמי: אָ, נאָו, סוזי איז מיין גוירל! (רייסען זי)

סוזי: סטאָפּ! צווישען אייך בּיידען וועט איהר דאָך מיך נאָך צוריי־סען אויף דער העלפט!

חאַנטשע: סוזי איז מיין אייגענטום!

סעמי: אָ, נאָו! סוזי איז מיין אייגענטום! איך האָבּ אויף איהר דעם ערשטען היפּאָטעק! (מען קלינגט)

חאַנטשע: סעמי, גאָ, מען רופט דיך!

סעמי: איך גאָ, איך קום אָבּער בּאַלד צוריק; און אַז איך וועל קומען צוריק, וועל איך מאַכען אויף איהר אַ זאַיענטשע! (אָבּ)

סוזי: איך ליעבּ איהם נישט!

חאַנטשע: אָבּער מיך ליעבּסטו יאָ?

סוזי: יעס, איך ליעבּ דיך! נו, און דו מיך? איך וויל, דו זאָלסט קיין ליגענד נישט זאָגען?

חאַנטשע: ווי פאַר אַ מערעל ליעב איך דיך געגוג.

סוזי: וואָס הייסט, ווי פאַר אַ מערעל?

חאַנטשע: נו, וואָס רען ביזטו — אַ ווייבעל? געווים ביזטו אַ מערעל.

סוזי: איך וויים, ווען דו וואָלסט מיך געליעבט, וואָלט אַנדערש געוועזן.

האַנטשע: ווי וואָלט אַנדערש געוועזן?

סוזי: אַזאַ יונגעל ווי דו שטעהט נישט אַזוי גלייכגילטיג נעבען אַזאַ שען מערעל ווי איך בין!

חאַנטשע: נאַרעלע, נאָר אַזעלכע לייט ווי איך בין שטעהען גלייכ־גילטיג נעבען אַ מערעל!

סוזי: געהט שוין, געהט! איהר מיט אייערע וויצעלעך; זאָל איך אייך ווייזען, וואָס מען דאַרף טהון?

חאַנטשע: אדרבה, ווייזט איהר מיר, וואָס איך האָב צו טהון! איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט צו טהון מיט קיין מיידלעך; אַז איך וויים נישט, מיט וואָס מען עסט דאָס!

סוזי: הערט! צו אַלעם ערשט גיעט אַ שטעק אַרוים אייערע שענע צווייַ אויגעלעך, גלייך ווי איהר וואָלט מיך געוואָלט איינשלינגען.

חאַנטשע: אַזוי?

סוזי: אוי, וואָס פאַר אַ שענע צוציהענדע אויגעלעך איהר האָט טאַקי! און איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט! און יעצט גיעט מיך אַ דריק צו זיך, אַז איך זאָל האָבען דעם טעם פון גן־עדן! (געשייט) אָט אַזוי! און יעצט קומט די הויפט־זאַך!

חאַנטשע: די הויפט־זאַך? און וואָס איז די הויפט־זאַך? וואָס איז דאָס אַזוינס?

סוזי: שטעקט אויף אייערע שענע זיסע ליפעלעך און גיעט מיר אַזאַ קוש, אַז עס זאָל צוגעהן פון קאָפ ביז די פיס! (קושען זיך לאַנג).

## אויפטריט גאָלדהענדלער

גאָלדהענדלער (שטעקט אַריין דעם קאָפ): אויב אַזוי — זאָל דער שאָפער נאָך היינט אַוועקגעהן!

חאַנטשע: סוזי! סוזי!

סוזי: גאָט איז מיט אייך! וואָס איז אייך?

חאַנטשע: סוזי, דו האָסט מיך פער'שכור'ט מיט דיינע קושען! אַ גאַנץ פייער האָסטו אין מיר אָנגעצונדען! סוזי, איך ברען! איך מוז מיך לעשען! (קושען זיך לאַנג).

## אויפטריט פראַנציס.

פראַנציס (שטעקט אַריין דעם קאָפּ): איי! אַזוי?! זאָל סוזי נאָך היינט אַוועקגעהן! (נעהמט צוריק דעם קאָפּ).
חאַנטשע: נאַ, און ווייס דעם טעם פון מיין קושען! (קושען זיך).

## אויפטריט סעמי.

סעמי: אַט בין איך שוין ווידער דאָ!
חאַנטשע: דו האָסט שוין געקענט אינגאַנצען אויסבלייבען, ווארום מיר ביידע ליבען זיך שוין.
סעמי: חאַ, חאַ, האַ!...
חאַנטשע: וואָס לאַכסטו?
סוזי: וואָס, ער געפעלט אפשר דיר נישט?–אויב אַזוי, זאָלסטו נאָך מעהר וויסען, אַז ער איז מיין חתן!
סעמי: חאַ, חאַ, האַ!... איך זאָל קרענקען, אויב און זיין גאַנץ ליעבען וועט ער זיין דיין חתן!
חאַנטשע: הער איהם, סוזי, ווי די קאַץ; דו ביזט מיין כלה!
סעמי: וואָס? איך וועל איהם דער'הרג'ענען! נו, קאָמ'אָן פייט!
חאַנטשע: אַ נו! קאָמ'אָן פייט! (ווילען זיך פייטען)
סוזי: דו זאָלסט נישט וואַגען איהם צו בעליידיגען! (זינגען טריצעט):

## כשוף.

אַלע: ליעבע איז אַזאַ מין כשוף, וואָס כאַפּט יעדען אָן,
ליעבע איז אַזאַ מין וועהטאָג, ערגער פון אַ צאָהן;
היט אייך, ליעבע איז אַ ביטער מאַכל,
ווען די ליעבע האַפּט זיך אַריין אין בייכ'ל,
אָ, ס'איז פאַסקודנע, הערצעלעך בירנע,
ס'איז אַ שלעכטער קאָן!
סוזי: איי, זיסער בחור'ל, ביזט אַ חנ'עווודיג טייער זכר'ל,
חאַנטשע: איי, איך פיהל איהר וועהטאָג,
אַז אַ בחור'ל דאַרף זי האָבען זעהר נויטיג;
סעמי: אוי, אַזאַ יאָהר איף מיר,
וואָס פאַר אַ מעדעל דו קענסט זיין פאַר מיר!
אַלע: ליעבע איז אַזאַ מין כשוף, וואָס האַפּט יעדען אָן,
א. אַז. וו. א. אַז. וו.

סוזי: נעהם בעטראַכט דעם אַלטען הונד,
ווי ער לויפט מיר נאָך אַצינד;
אין אָווענד, פאַר'ן טאָג, האָט ער חשק צו אַ מויד!
סעמי: דאַרף קיין מייד קיין יאָלד נישט זיין, —
קוים וויל איהר אַנ'אַלטער מאַן —
זיי קיין יאָלד, זאָג איהם. שוין שטעל אַ חופּה מיט אַ באָי!
חאַנטשע: שווער, אַז דו וועסט זיין מיין ווייבעל, זאָג מיר צו,
קינדערלעך וועלען מיר האָבען, איך גיעב אַ גאַראַנטיע!
אַלע: אָ, נעהם בעטראַכט דעם אַלטען הונד,
ווי ער לויפט איהר נאָך אַצינד;
אין אַנ'אָווענד, פאַר'ן טאָג, האָט ער חשק צו אַ מויד! } ס. ט.

אַלע: אוי, אַז מען ליידט,
אין הערצען נאָגט, עס בריהט,
עס פּלאַקערט, עס זיעט,
אַז אַ יונג מעדעלע, אונטער'ן כתובה'לע רונגעלע
אַ חופּה אין אַ מזל'דיגער שעה שוין דאָ!
אוי, אַז מען לעבט, אין האַרצען נאָגט, עס ברענט,
עס פּלאַקערט, עס ציהט, אַז אויך מיידעלע, יונגעלע,
כתובה'לע, רינגעלע, אַ יאָהר פערגעהט,
און קליין טשיקס איז שוין דאָ, שוין דאָ! (טאַנצען אָב)
(ב ים)

## אויפטריט עדי און לואיזאַ.

עדי: אָבער לואיז דאַלינג!
לואיזאַ: וואָס ווילסטו פון מיר? רעד נישט צו מיר! רעד נישט
(לואיזאַ לויפט אָב, ער נאָך איהר, זי פערקלאַפּט די טהיר, טרעפט
איהם, ער צובלוטינט זיך דעם נאָז).
עדי: אוי, אוי, זי האָט מיר מיין נאָז צוקלאַפּט! איך וועל דעם
שאָפער שטעכען, צום טייוועל! (אָב)

## אויפטריט גאָלדהענדלער און פלאָרענס.

פלאָרענס: נאָך היינט זאָלען דאָ זיין נייע דיענסט־מערכען!
גאָלדהענדלער: נאָך היינט זאָל דער שאָפער אַוועקגעהן!
פלאָרענס: דו וועסט נישט וואַגען!
גאָלד': דו וועסט נישט וואַגען!
פלאָרענס: מיר וועלען זעהן! (ביידע אָב)

### אויפטריט איזידאָר און פראַנציס.

אִיזִידאָר: נו, זײַ דאָך פֿערגניִפטיג.

פֿראַנציס: איך האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט, אַז דו דאַרפֿסט וויסען, ווער דו ביזט און ווער איך בין! (אָב)

אִיזִידאָר: צום טײַוועל! דער שאָפֿער קריגט מיר שוין אין האַלז אַריין! (אָב)

### אויפטריט חאַנטשע.

(דורך די טהירען שטעקען אַריין די קעפּ: פלאָרענס, פּראַנציס, לואיזאַ, דערשרעקען זיך, איינינע מאָל נאָכהער שטעקט אַריין פלאָרענס דעם קאָפּ, קיינער בעמערקט איהר נישט, זי בלייבט אויף דער ביהנע.

פלאָרענס: שאָפֿער, איך פֿאָהר הײַנט אַרוים נאָר אַליין און ווען יעמאַנד ווערט ווילען אַרויספֿאָהרען, זאָלסטו זאָגען: די מאַשין איז שוין פֿערנומען!

חאַנטשע: יעס! דאָס איז אַלעס?

פלאָרענס: ווען מײַן געזעלשאַפֿט איז דיר אַנגענעהם—איז דאָס אַלעס.

חאַנטשע: מאַדאַם! איך בין גליקליך, וואָס איך בין נעבען אײַך.

פלאָרענס: רעדסטו די וואַרהײַט? דו דאַרפֿסט נישט פֿערגעסען, אַז איך בין נישט מעהר ווי אַ שוואַכע פֿרוי און איך קען זײַן אונגליקליך.

חאַנטשע: אָ, איך בעט אײַך, רעדט נישט אַזוי! איהר צובּרעכט מיר מײַן... מײַן מענער־הערץ! אָ, ווי וואָג איך צו האָפֿען אויף אײַך, פֿרוי, (וויינט) און איך, אָ! לאָזט מיך חאָטש קושען דעם זוים פֿון אײַער קלייד!

פלאָרענס (אַ פּאַרט): ער ליעבט מיך! ער ליעבט מיך! שאָפֿער, מיר פֿאָהרען הײַנט אַרוים אַלט איהר שפּאַציערען; אָבער מיר בײדע,—קײנער זאָל נישט וויסען.

### אויפטריט לואיזאַ.

לואיזאַ: טאַנטע, מיר שײַנט, דער אָנקעל רופֿט אײַך.

פלאָרענס: גלײַך! שאָפֿער, פֿערגעסט נישט—אַלט אוהר. (אָבגעהענ־דיג) ער ליעבט מיך! ער ליעבט מיך!

חאַנטשע: די צווייטע טעג יום־טוב!

לואיזאַ: שאָפֿער, איך מוז אײַך מאַכען אַ קאָמפּלימענט: דער פֿריה־מאָרגען־שפּאַציער אין פּאַרק וואַר גרויסאַרטיג.

חאַנטשע: עס פֿרעהט מיך זעהר, אַז איהר האָט אײַך אַמוזירט!

לואיזאַ: איהר זענט אַזאַ שענער, אינטערעסירען אייך גאָרנישט קיין יונגע מעדלעך?

חאַנטשע: ווער בין איך דען, וואָס איך זאָל אייך אינטערעסירען, און איהר זענט דאָך מיינע העררען?

לואיזאַ: איהר זענט אַ מאַן, אַ יונגער מאַן און אַזאַ שענער דערצו. שאָפער, מיר ביידע נעהמען היינט אַ לאַנגען שפּאַציער, יעס?

האַנטשע: איך בין גליקליך! איך בין גליקליך!

לואיזאַ (אַפּאַרט): ער ליעבט מיך, ער ליעבט מיך! אַלט אוהר אַווענד מאַכען מיר אַ שפּאַציער, אָבער נור מיר אַליין.

## אויפטריט פראַנציס.

פראַנציס: לואיז דאַרלינג, איך גלויב, אַז איך האָב געהערט, אַז די מאַמאַ רופט דיך.

לואיזאַ: אָללרייט, אין מיצקע־דאַרינעַן איז זי דאָ!

חאַנטשע: אַזאַ טבע האָט זי: וואו צוויי — איז זי אַ דריטע.

לואיזאַ: אַלט אוהר! ער ליעבט מיך! (אָב. גיט אַ לופט־קוש).

פראַנציס: שאָפער, עס טהוט מיר לייד, וואָס דאָ האָט פריהער פּאַסירט מיט מיין ברודער. ערי האָט זיך צופיעל ערלויבט. יע, זענט איהר צופרידען מיט דעם פּאָסטען?

חאַנטשע: ווי מיר זאָל נישט באַנג טהון, מוז איך מיין פּאָסטען איפגעבען.

פראַנציס: וואָרום, איבער מיין ברודער?

חאַנטשע: ניין.

פראַנציס: וואָס דען איז די אורזאַכע?

חאַנטשע: אָ, ווען איך זאָל...

פראַנציס: נו, רעדט דאָך!

חאַנטשע: פריילין, איהר זענט פערליעבט אין איזידאָר'ן?

פראַנציס: ער דענקט אַזוי.

חאַנטשע: ער דענקט אַזוי? אָ, באַלזאַם האָט איהר מיר יעצט געגאָסען אויף מיין הערץ. פריילין, איהר ליעבט איהם אויך? אויב איהר זאָגט יאָ, אַזוי שטעך איך מיך גלייך. אָ, איך האָב איהם פיינד, איך קען איהם נישט אָנקוקען! צוטרעט מיך ווי אַ וואָרים מיט אייערע פיס! איך מוז אייך זאָגען דעם אמת: איך האָב אייך, פריילין... איך האָב אייך פריילין...

פראַנציס: וואָס?

חאַנטשע: איך האָב אײַך ליעב!

פראַנציס: אָ, ער ליעבט מיך! מײַן טײַערער, שענער שאַפער! (קושען זיך) שאַפער, מיר פאָהרען הײַנט בײַדע אַרויס אַבט אוהר אָוועננד, נור מיר בײַדע!

חאַנטשע: אָללרײַט! איך בין גליקליך! איך בין גליקליך! (קושען זיך)

פראַנציס: אַדיע, מײַן שענער שאַפער! צום ווידערזעהען, מײַן שענער אַפאָלאָן!

חאַנטשע: צום ווידערזעהען, מײַן שענע, זיסע וועגוס! (קושען זיך, פראַנציס אָב). (אַלײַן) פוי, אַ שווער שטיקעל אַרבײַט. געוואַלד, ווי געפעלט אײַך, ווי איך האָב זיך צו יעדערער אין ליעבע ערקלערט? זאָל איך קרענקען, אויב אַ מאַן וואָלט עס בעסער געמאַכט! איך האָב זיך הײַנט אָנגעפרעסען מיט ליעבע ווי אַ סאָלדאַט מיט קאַשע! אַכט אוהר, אַבט אוהר, אַכט אוהר! וואו נעהמט מען אַזוי פיעל אַכט אוהר'ס? איך וועל זיך מוזען קויפען דרײַ זײַגערס. אוי, די ווײַבער, אוי, די ווײַבער!

אויפטריט סעמי.

סעמי: נו, וואָס זאָגסטו נישט, ווי סוזי איז אין דיר פערליעבט? זי שטאַרבט. דאָך נאָך דײַנע טריט!

האַנטשע: נו, סוזי, — וואָס פאַר אַ ווערטה האָט בײַ מיר סוזי, אַז איך האָב נאָך...

סעמי: ווער נאָך איז אין דיר פערליעבט?

חאַנטשע: די מאַדאַם, פראַנציס, לואיזאַ; הײַנט אין קיך אַלע דיענסטען. וואָס מײַנסטו, זײַ זענען הינד? אין קיך בײַ די דיענסטען בין איך אַ גאַנצער טערקישער סולטאַן: איך פרעגעל מיך אין האָניג און אין הינער־שמאַלץ! יאַלד, וואָס דו ביזט!

סעמי: וואָס האָסטו געזאָגט: אַז די מאַדאַם איז אין דיר פערליעבט? וואָס הײַסט דאָס? — די מאַדאַם האָט דאָך אַ מאַן?

האַנטשע: אַזוי? די מאַדאַם האָט דאָך אַ מאַן? נו, זעהסטו דאָך, און מיט מיר וויל זי אַ ביסעלע דורכפאָהרען זיך אַכט אוהר.

סעמי: און פראַנציס? — זי האָט דאָך אַ חתן.

חאַנטשע: אַזוי, אַ חתן? זי לעגט איהם אָב איף שפעטער.

סעמי: נו, און לואיזאַ? — זי האָט דאָך אַ געליעבטען.

חאַנטשע: אַזוי? אַ געליעבטען? און מיט מיר וויל זי מאַכען הם... הם... אַז, עס זאָל זײַן אָללרײַט!

סעמי: אויב אַזוי, מוז איך דיר זאָגען, אז איך וועל נישט חתונה האָבען.

האַנטשע: פאַרוואָס? האָסט מורא, עס וועט נישט בלייבען פאַר דיינעטוועגען?

סעמי: ניין.

האַנטשע: וואָס דען?

סעמי: איך וויל גלאַט נישט קיין גיהנום פאַר זיך און אַ ווייב פאַר יענעם! (זינגען דועט):

## האט חתונה.

זי: מיינע ווערטהע פריינד, איך האָב פאַר אייך אַ גוטען ראַטה: האָט חתונה, האָט חתונה!

ער: אויב איהר האָט אין אייער לעבען קיין צרות נישט געהאַט— האָט חתונה!

זי: אויב איהר פיהלט זיך גליקליך און ס'איז אייך זעהר גוט
און איהר וואַרט אַ גרינג לעבען און קיין זאך פעהלט אייך נישט.

ער: קוים גלוסט זיך אָבער אייך צו האָבען צרות אויפ'ן פוד —
האָט חתונה!

און אויב איהר שטעלט נישט אויף אונזער וואָרט,
דאַן פרובירט זאָפאָרט:
האָט חתונה, האָט התונה!
אויב אייער לעבען איז אייך נישט ליעב
און איהר זוכט אַ צרה אין שטוב —
האָט חתונה!
אויב איהר זוכט אַ גיהנום
און אַ ווייב פאַר יענעם —
האָט חתונה! ביס

זי: יונגלעך, ווען איהר ווילט ווערען גאַנץ גרויסע לייט —
האָט חתונה!

ער: אויב איהר האָט אין אייער לעבען נישט געהאַט קיין פייט —
האָט חתונה!

זי: און ווען איהר פיהלט זיך איינזאַם, ס'איז אייך אומעטיג אַליין
און איהר ליידט גרויסע שמערצען, עס טהוט אייך וועה די ציין,

ער: פאָלגט מיך, וועט איהר נישט דאַרפען צו קיין דענטיסט געהן—
האָט חתונה!

ביידע: דאַן גיעבען מיר אייך דעם בעסטען פּלאַן,
וואָס בעסער קאָן נישט זיין.
רעפריין:
איבּ אייער לעבען א. אז. וו.

## אויפטריט גאָלדהענדלער, איזידאָר און עדי.

אַלע: דער שאַפער מוז געהן!
איזידאָר: אונבעדינגט מוז ער געהן!
גאָלדהענדלער: נאָך היינט מוז ער געהן!
עדי: ער נעהמט מיר צו מיין לוּאיזאַ!
איזידאָר: ער נעהמט מיר צו מיין פראַנציס!
גאָלד׳: ער נעהמט מיר צו מיין סוזי!
איזידאָר: און ווער וועט דערלאַנגען דער מאַדאַם דעם אולטימאַטום?
עדי: איך נישט.
גאָלד׳: איך אייך נישט.
איזידאָר: מיר אַלע דריי.
אַלע: בעשטימט, בעשלאָסען און אונטערשטיצט!

## אויפטריט פלאָרענס.

פלאָרענס: וואָס זעה איך? איהר האָט דאָ אַ פערזאַמלונג?
אַלע: דער שאַפער מוז געהן!
פלאָרענס: אָללרייט, איך בין צופריעדען, אָללרייט! רופט איהם אַריין! זאָגט איהם, אַז ער מוז געהן!
עדי: איך וועל איהם געהן רופען!
פלאָרענס: עדי, מען דאַרף נישט; איך וועל אָנקלינגען נאָך דער נייער דיענסט, וועט זי אַריינרופען דעם שאַפער, און דערביי וועט איהר האָבען די געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט דער נייער דיענסט.
גאָלד׳: אַ נייע דיענסט? (פרעהט זיך, פלאָרענס קלינגט)
פלאָרענס: יעס, מיין טייערער, אַ נייע דיענסט.

## אויפטריט נעגערקע.

נעגערקע: יעס, מעם!
פלאָרענס: דאַרלינג רובין, זעה!
גאָלד׳ (דערשרעקט זיך): נעהם זי צו. נעהם זי צו! הייס זי געהן, ווען נישט—וועל איך זי הייסען געהן!

פלאָרענס: איך בין דאָ ווירטין פון דער הויז און איך זאָג, אז זי זאָל דאָ בלייבען!

נעגערקע: יעס, מעם!

פלאָרענס: איהר קענט שוין געהן!

נעגערקע: יעס, מעם! (אָב)

פלאָרענס: מייִן אולטימאַטום: ווען דער שאָפער געהט אַוועק בלייבט דאָ די דיענסט! (אָב)

עדי: יעצט געה צו לואיזאַ׳ן און איך וועל מיט איהר רעדען גאַנץ אָפען: אַהער אָדער אַהין. (אָב)

איזידאָר: יעצט געה איך צו מיין פראַנציס און וועל מיט איהר רעדען: אַהין אָדער אַהער! (אָב)

גאָלד׳: און איך בין נישט אַהין און נישט אַהער!

## אויפטריט סוזי.

סוזי: אַ דזשענטעלמען וויל אייך זעהען!—מ״ר מאָטיל מאָטילזאָהן!

## אויפטריט מאָטילזאָהן.

מאָטיל: יעס, מאָטיל מאָטילזאָהן, אין דער היים געהייסען מרדכי אברהמ׳ל חאַנקע־באַשקעס! מיין טאַטע האָט געהאַנדעלט מיט תבואה ביי דער ראָגאַטקע! און מיין מאַמע האָט געהאַלטען אַ קרעמעל אין פּיפּיטשאַק!

גאָלד׳: דאַכט זיך, אַ לאַנדסמאַן, זיץ, און וואָס איז דיין געשעפט דאָ?

מאָטיל: אַ גאַסען־מענש; מאַך אַ דאָלאַר פון ווינט, נישטאָ קיין גליקען,—צרות.

גאָלד׳: און וואָס ווילסטו, מרדכי אַברהמ׳ל חאַנקע־באַשקעס?

מאָטיל: איך האָב אַ טעכטער׳ל, יונג און שען.

גאָלד׳: אַזוי? יונג און שען! (קלינגט, מאָטיל דערשרעקט זיך) דערצעהל, דערצעהל!

מאָטיל: חאַנטשע האָט זי געהייסען. זי האָט געאַרבייט ביי אייך אין פאַבריק און פאַר עטליכע וואָכען האָט איהר דער אויפזעהער ענטזאַגט פון דער אַרבייט.

## אויפטריט סוזי.

סוזי: יעס, סער!

גאָלד׳: שנאַפּס, ברענדי!

סוזי: יעס, סער! ברענדי. (אָב)

גאָלד׳: דערצעהל, דערצעהל!

מאָטיל: זי האָט אויך געהאַט אַ חתן איזידאָר, זעליג היים׳ס דעם בעל־עגלה׳ס זוהן; זיי האָבען געוואוינט אויפ׳ן בערגעל. אַ רוח אין דעם טאַטען, וואָס האָט אַזאַ זוהן אויף דער וועלט געבראַכט!

אויפטריט סגוי מיט שנאַפּס.

גאָלד׳ (גיעסט אָן אַ שנאַפּס): דערצעהלט, דערצעהלט, — אַ חתן איזידאָר.

מאָטיל (טרינקט אויס דאָס ערשטע גלעזעל): האָט ער איהר אויך די סעק געגעבען. מילא, איין סעק קען נאָך אַנ׳אָרימאַן אריבערטראָגען—צוויי איז שוין צו שווער! (טרינקט אַ צווייטע גלעזיל) לחיים! פון דאַמאָלס אָן איז זי פערפאַלען אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

גאָלד׳: דאָס אינטערעסירט מיך; דערצעהל. דערצעהל.

מאָטיל: מיין זעלדע־זלאַטע איז שוין (טרינקט בראָנפען) לחיים! שוין פון יאָהרען־לאַנג אַזאַ מין קליפּה, זי טרייבט מיך, איך זאָל געהן, איך זאָל געהן (טרינקט כסדר) צו אייך... לחיים! ביי אונז אָרימע לייט דאַרף מען אויסטרינקען זעקס גלעזעלעך איינע נאָך דער צווייטער, אַז מען זאָל דערפיהלען אַז מען האָט געטרונקען!... לחיים! מיין חאַנטשע איז געוועזען אַ בריה, אַ מזיק, אַזוי ווי איך בין געוועזען אין די קינדער־יאָהרען... זאָג נאָר, ראובן, דו געדענקסט, ווי איך האָב זיך אַמאָל אויפגעזעצט אויפ׳ן גלח׳ס חזיר און געריטען?

גאָלד׳: יעס! חאַ־חאַ־חאַ!

מאָטיל: און דאָס ליעדעלע, וואָס דו האָסט אַלע מאָל ליעב געהאַט איך זאָל עס דיר זינגען, געדענקסטו נאָך? חאַ־חאַ! לחיים!

גאָלד׳: יעס, אַז דו האָסט מיך דערמאָנט, מוזטו עס זינגען! (ביידע זינגען „לחיים״).

אויפטריט פלאָרענס.

פלאָרענס: וואָס זעה איך, דו האָסט געזעלשאַפט?

גאָלד׳: יעס. מרדכי אברהמ׳ל האַנקע־באַשקעס! חאַ־חאַ־חאַ!

מאָטיל: דאָ אין אַמעריקאַ מיסטער מאָטיל טאָטילזאָהן!

פלאָרענס: רובין, איך פאָהר אַרוים אין פּאַרק!

גאָלד׳: אָללרייט!

אויפטריט פראַנציס.

פראַנציס: וואו געהסטו, מאַמאַ?

פלאָרענס: איך פאָהר אַרוים מיט דער מאַשין.
פראַנציס: איך האָב בעשטעלט דעם אויטאָמאָביל; איך דאַרף פאָה־
רען צו דער מאָדיסטין!

## אויפטריט לואיזאַ.

לואיזאַ: וואו געהט איהר ביידע?
פלאָרענס: און וואו געהסטו?
לואיזאַ: איך געה נישט. איך האָב בעשטעלט די מאַשין,—איך דאַרף
פאָהרען צו דער מאַדאַם ברעג.
פראַנציס: דומהייטען, מיר קענען דאָך אַלע דריי אין איין צייט
דעם אויטאָמאָביל נישט בענוצען!

## אויפטריט עדי.

עדי: אַזאַ פרעכהייט פון אַ שאָפער! איך וויל אַביסעל אַרויספאָהרען,
זאָגט ער, אַז די מאַשין איז שוין פריהער בעשטעלט!
פלאָרענס: געוויס פון מיר!
לואיזאַ: ניין, פון מיר!
פראַנציס: ניין, איך בין געוועזען די ערשטע!
פלאָרענס: ווייסט איהר וואָס? — לאָמיר אַריינרופען דעם שאָפער
און איהם פרעגען, ווער פון אונז האָט פריהער בעשטעלט דעם
אויטאָמאָביל!
אַלע: סעמי! סעמי!

## אויפטריט סעמי.

סעמי: חאַ־חאַ־חאַ! האָב איך געזעהען אַ סצענע, ווי דער שאָפער
מיט איזידאָר'ן יאָגען זיך אַרום און זיי שלאָגען זיך! אָ, היילי־
גער שטרויזאַק, דער אַלטער איז דאָ.
מאָטיל: אָ! עלעוועטער בוי, קום אַהער!

## אויפטריט חאַנטשע מיט איזידאָר'ן.

איזידאָר: פאַרוואָס האָט ער מיך געשלאָגען!
חאַנטשע: קאָמ'אָן לעט'ס פייט!
מאָטיל: חאַנטשע!
חאַנטשע: אָ, דער משוגע'נער!
אַלע: אַ משוגע'נער!

(מוזיק שפיעלט: „אַ גלעזעלע לחיים").

פאָרהאַנג.

# דריטער אקט.

(די ביהנע שטעלט־פאָר אַ גאַס, רעכטס אַ קאַפּע־רעסטאָראַן, לינקס אַ מאַגאַזין פון הית, נעבען קאַפּע שטעהט זיי׳אינטאָכאָביל).

אינגעל: אַ „טאַנגעבלאַט״! אַ „היינט״! ווילטיגע נייעס פון דעם סופראזשיסטקעס־פאַראד!

אויפטריט מאָטיל מיט זעלדע׳ן.

מאָטיל: וואָס ווילסטו? וואוהין שלעפסטו מיך?

זעלדע: איך וויל זעהען מיין האַנטשע׳ן! מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ וועט עפּעס זיין אַ פערזאַמלונג פון די ווייבער, — ווי הייסען זיי?

מאָטיל: ווי קענען זיי הייסען אַנדערש ווי ווייבער הייסען?—ווייבער.

זעלדע: איך וויל זיי זעהען און וויינען מיט ביטערע טרעהרען! איך וועל זיי פאַלען צו די פיס און בעטען, אַז זיי זאָלען מיר אָב־געבען מיין האַנטשע׳ן, אוי, וועה איז מיר! אפשר ליגט זי שוין אין וואַסער אַ דערטרונקענע?

מאָטיל: אידענע, וואָס שרייסטו? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז זי לעבט,—אַ סימן האָסטו, אַז זי שיקט דיר געלד!

זעלדע: געלד, געלד, אָט דאָס איז ביי דיר טייערער פון קינדער? אַבי דו קענסט אַרומגעהן פוסט און פּאַס און לעבען אַ גוטען טאָג, — איך וויל פון גאָרנישט וויסען! איך וויל זעהען מיין האַנטשע׳ן!

אויפטריט איזידאָר.

איזידאָר: מיסטער מאָטילזאָהן, איהר זענט איך געקומען זעהען דעם סופּראַזשיסטען־פאַראַד?

מאָטיל: וואו איז מיין האַנטשע?

איזידאָר: איהר זענט דאָך געוועזען ביי מיסטער גאָלדהענדלער־האָט איהר דאָך איהר געזעהען?

מאָטיל: ווער געזעהען? וואָס געזעהען?

איזידאָר: איי, דולט מיר נישט דעם קאָפּ! (אָב)

זעלדע: אוי, יעצט איז מיר שוין דער פערדאַכט ריכטיג: דו, דער אייגענער פאָטער פון דיין קינד, דו האָסט דיין קינד פערקויפט פאַר געלד צו שאַנדע־דערפאַר לעבסטו אַ גוטען טאָג, דערפאַר

לעבסטו אַ וועלט ! הערט־איס , מאַטיל מאַטילזאָהן : אויב דו וועסט גישט געהן נאָך מיין קינד, נאָך מיין חאַנטשען—געה איך אין דער פאָליציי ! (אָב)

אויפטריט סעמי.

סעמי: העלאָ, מיסטער מאַטילזאָהן!
מאַטיל. העלאָ, עלעוויישאָר!
סעמי: איך געה נאָר וואָס פון אייך.
מאַטיל. עפּעס וועגען מיין חאַנטשע׳ן?
סעמי: יעס, זי האָט געקריגען דעם סעק, מען האָט איהר ענטזאָגט די שטעלע.
מאַטיל. אָ, איך בין שוין ווידער אויף צרות.
סעמי: איהר הערט? דער אלטער הינער־פּרעסער און מיסטער עדי זענען אויף איהר אייפערזיכטיג!
מאַטיל: אויף וועמען? אויף מיין חאַנטשע׳ן? האַ־האַ־חאַ!
סעמי: (אַפּאַרט) אוי, איז דאָס אַ האַנטשע! (אַ זעץ מיט׳ן בויך)
סעמי: איהר הערט? דער אַלטער מיינט, אַז די מאַדאַם לעבט מיט איהם אַ גוטען טאָג.
מאַטיל: מיט מיין חאַנטשע׳ן? חאַ־חאַ־חאַ!
סעמי: איהר הערט? עדי מיינט, אַז לואיזאַ ליעבט איהם.
מאַטיל: איז וואָס איז שוין דאָרט געוועזען? אוי, וועט ער ביי מיר באַלד כאַפּען אַ שווארצען סוף! (סצענע)
סעמי: איהר הערט, מ״ר מאַטילזאָהן? אַזוי ווי ער אין זי... ניין, איך האָב געוואָלט זאָגען אַזוי ווי זי אין ער! אוי, אוי, אוי, געוואַלט! ( גיעט איהם אַ זעץ אין בויך)
מאַטיל: איך מוז זעהען מיין חאַנטשע׳ן.
סעמי: אָללריים! אויב איהר ווילט זעהען אייער האַנטשע׳ן, בלייבט דאָ וואַרטען אַ ביסעלע, וועל איך איהם באַלד ברענגען, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מ״ר מאַטילזאָהן, איז דאָס אַ חאַנטשע!
מאַטיל: פון דערווייטענס! פון דערווייטענס!
סעמי: אוי, האָב איך איהם אָנגעטראַסקעט אַ בויך! (אָב)
מאַטיל (דערזעהט אין די קוליסען סוזי געהט): אַ נאַכט־פייגעלע געהט אַהער, מען מוז זיך זעהען אַ ביסעלע צופוצען צו איהר.

אויפטריט סוזי.

מאַטיל: אַ גוטען אָוועד אייך, שענעס פריילין!

סוזי (אפארט): אזא נ׳אלטער שטורמאק! ס׳איז שוין מײַן מזל אזוי,
וואו אנ׳אלטער—שרכ׳ענט זיך צו מיר, וואו אנ׳אלטער שטורמאק
משעפעט זיך צו מיר! וואס ווילט איהר?

מאטיל: א שענע נאכט אין דעם געגענד?

סוזי: עה... מיסטער! מיט וועלכער רעכט רעדט איהר צו א ליידי,
וועלכע איהר קענט נישט?

מאטיל: עסקיוז מי, וועל איך מיך פארשטעלען פאר אייך. הא?
א בעקאנט פנים׳ל! דאס איז זי! זאגט נאר, זענט איהר נישט
קיין דיענסט ביי מ״ר גאלדהענדלער?

סוזי: אזא פרעכהייט! א דיענסט גאר? איך בין א ליידי׳ס ספארט?

מאטיל: און איך בין א דזשענטעלמען.

סוזי: מיסטער, אויב איהר ווילט זיך פאר מיר פארשטעלען, איז
נישט דא דאס פלאץ! קומט מיט מיר אריין אין קאפע־הויז.

מאטיל: אוי, וואו פאקט מען א דאלאר? (זוכט אין די קעשענעס).

סוזי: מ״ר, וואס זוכט איהר?

מאטיל: איך זוך מיינע א וויזיט־קארטע.

סוזי: סעה, מ״ר, אז מען קומט אהער, דארף מען זיך בעזארגען
מיט וויזיט־קארטעס.

מאטיל: זי פערשטעהט א געשעפט!

## אויפטריט סעמי.

סעמי: איין אויגענבליק.

סוזי: זעהסט, סעמי? דער אלטער האט מיך געוואטשט, ער האט
מיר געמאכט ליעבעס־ערקלערונגען.

מאטיל (אפארט): אוי, עס איז זיין געליעבטע!

סעמי: שא! דו ווייסט, ווער דער אלטער איז?

סוזי: ווער?

סעמי: ער איז דאך דעם שענעם שאפער׳ס טאטע!

סוזי: א! האי דו יו דו, מ״ר? (קריכט זיך נאך)

סעמי: היידעל, דודעל דודעל, דודעל מיסטער?

סוזי: עס פרעהט מיך זעהר אייך צו קענען. אייער זוהן איז מיין
אינטימסטער פריינד.

מאטיל. ווער?

סוזי: אייער זוהן!

מאטיל: מיין זוהן? וואס פאר א זוהן?

סעמי (שטיל): אייער זוהן, חאַנטשע!
מאָטיל: א, מיין זוהן? יאָ! חאַ-חאַ-חאַ!
סוזי: סעמי, וואס לאַכט ער? ווייל איך האָב איהם געזאָגט, אז זיין זוהן איז מיין אינטימסטער פריינד? — אויב אַזוי, זאָל ער נאָך מעהר וויסען: אייער זוהן איז מיין חתן!
מאָטיל: א חתן? חאַ-חאַ-חאַ! און ווען געהט איהר ביידע חתונה האָבען? איך וואָלט שוין געוואָלט זעהען פון זיי ביידען אַנ׳אייני-קעל! חאַ-חאַ-חאַ!
סוזי: דער אַלטער איז משוגע!

## אויפטריט חאַנטשע.

סוזי: זעה, דיין טאַטע לאַכט פון דעם, וואס איך האָב איהם געזאָגט, אז דו ביזט מיין חתן!
חאַנטשע: מיין טאַטע האָט פון דיר געלאַכט? איך וועל איהם באַלד געבען: טאַטע, וואס לאַכסטו?
מאָטיל: איך לאַך נישט און וויין נישט... חאַ-חאַ-חאַ!
חאַנטשע: טאַטע, לאַך נישט! סוזי איז מיין כלה!
מאָטיל: זאָג נאָר, דו, שייגעץ! און אַזאַ שנור ווילסטו מיר אַריינ-ברענגען אין שטוב אַריין? חאַ-חאַ-חאַ!
חאַנטשע (אַפּאַרט): ער רעדט ווי אַ מענש. סעמי! נעהם אַוועק סוזין אין אַ זייט, — איך דאַרף דאָ איבערערעדען מיט׳ן טאַטען.
סעמי: קום, סוזי, דער טאַטע מיט׳ן זוהן! חאַ-חאַ-חאַ!
מאָטיל: דו מוזט אַהיימקומען; די מאַמע איז שוין אוים מענש!
חאַנטשע: איך קום נישט פריהער אַהיים, ביז איך וועל נישט זעהען איזידאָר׳ן צו מיינע פיס!
מאָטיל: ער איז דאָ פריהער געוועזען! ווי איך פערשטעה, האָט ער דיך דערקענט, ער קען אָנמאַכען אַ צרה!
חאַנטשע: דאָס פאַרלאָז זיך אויף מיר! — איך הייס חאַנטשע!
מאָטיל: ווי לאַנג רעכנסטו אַזוי צו בלייבען אין די הויזען?
חאַנטשע: טאַטע, איך בלייב אַ בחור ביז׳ן גראָהען צאָפּ אַריין!
סוזי: אַלזאָ?
מאָטיל: ווי איך זעה, האָב איך נישט קיין אַנדערע ברירה און איך מוז אייך געבען מיין ברכה. טאָכטער מיינע, דו זאָלסט זיין צו מיין...
סעמי: וואס האָט ער געזאָגט?

חאַנטשע: צו וועמען רעדסטו?

מאָטיל: איך רעד צו מײַן טאָכטער: טאָכטער מײַנע, דו זאָלסט זײַן צו מײַן ...

סעמי: זוהן!

מאָטיל: יאָ, זוהן, — אַ געטרײַע ווײַב ... און איהר זאָלט אױפציהען אײַערע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים! האַ-חאַ-חאַ!

בײדע: אָמן!

חאַנטשע: נו, און יעצט גיעב אַ קוש דעם חתן!

מאָטיל: נו, און דעם טאַטען דאַרף מען נישט געבען קײן קיש? אַ מיד ווי אַ צימעס!

סעמי: נו, און דעם חתנ׳ס פרײַנד קומט נישט קײן קוש? האַ?

סוזי: נו, יעצט וועל איך אײַך דערצעהלען נײַעס, אַז דער יעצטיגער שאָפער וועט זיך לאַנג נישט האַלטען בײַ די גאָלדהענדלער׳ס! מיר ראַלט זיך, אַז מען וועט נאָך דיר שיקען. דער אַלטער און ערי זענען נאָר דאַגעגען, אָבער אַזוי זענען אַלע פרויען אײנ-שטימיג.

חאַנטשע: יעס, מיט זײ בײדען דאַרף איך זיך נאָך אָבערלעגען! מײַן פּלאַן איז פערטיג!

מאָטיל: דו צולאָז זיך נאָר נישט אַזוי, חאַנטשע מײַנע!

סעמי: וואָס האָט ער געטהון?

מאָטיל: עס האָט זיך אַרויסגעגליטשט!

סוזי: וואָס האָט ער געזאָגט? דו זאָלסט מיר שוין זאָגען דעם אמת: דו האָסט אַ מויד חאַנטשע?

חאַנטשע: נײן, סוזי, גלויב איהם נישט; איך האָב אַ מעדעל סוזי.

מאָטיל: יאָ, יאָ, איך האָב א מויד חאַנטשע!

סעמי: נו, מ״ר מאָטילזאָהן? לאָמיר געהן! וואָס זאָגט איהר נישט צו אײַער חאַנטשע׳ן? זאָל איך מיר האָבען אַזאַ יאָהר, וואָס פאַר אַ חאַנטשע איהר האָט! (וויל איהם קלאַפּען אין בויך)

מאָטיל: אָ, וועט ער באַלד האַפּען אַ שוואַרצען סוף!

סעמי: איך האָב היינט אַזוי פיעל פערגעניגען געהאַט פון אײַער חאַנ-טשע׳ן! (סצענע מיט׳ן בויך) אוי, מײַן פינגער! (בײדע אָב)

חאַנטשע: נו, סוזי, יעצט געה און מאַך אַלעמען בעקאַנט, אַז מיר בײדע געהען באַלד חתונה האָבען.

סוזי: אַדיע, מײַן שענער צוקונפטיגער מאַן! (קושען-זיך. אָב)

חאַנטשע: נו, האָב איך שוין אַ כלה אויך! נו, וואָס נאָך פֿעהלט מיר? איך האָב שוין אַלעס, וואָס מען בעדאַרף! (זינגט):

## איך האָב...

רעפֿריין:

איך האָב, איך זאָג אייך קורץ און שאַרף,
איך האָב אַלעס, וואָס איך בעדאַרף,
איך האָב, איך זאָג קיין ליגען נישט,
איך האָב שוין אַלעס, וואָס ביי אַנ'אַנדערן, געזעהען.

איך בין אַ מאַן שוין טאַקע ווי איהר זעהט מיך,
איך האָב שוין אַלעס, וואָס אַ מאַן בעדאַרף.
קוקט אייך נאָר צו מיר צו, פֿערשטעהט איהר מיך,
און בעטראַכט מיך נאָר קורץ און שאַרף.
גלויבט מיר, אַז מיר פֿעהלט קיין שום זאַך נישט,
איך האָב שוין אַלעס, וואָס אַ מאַן בעדאַרף.
איך קאָן אייך הייליג שווערען ביי מיין לעבען,
אמת, אמת, ווי איך בין אַ יוד,
קומט אַ ביסעלע נעהנטער. נעהנטער, דאָ אַהער,
נעהנטער, נעהנטער, דאָ אַהער,
איהר שענע, פֿיינע יונגעלייט.

רעפֿריין: איך האָב א. אַז. וו.

אַז איך האָב קיין געלד נישט, זאָלט איהר נישט קלערען,
איך האָב 50 טויזענד דאָלאַר אין די בענק
געזעהן אַמאָל, דערויף קאָן אייך שווערען
עס איז אַ גרויסע סומע, ווי איך דענק.
גלויבט, מיר פֿעהלט קיין שום זאַך אויף דער וועלט נישט,
איך האָב אויף נאַלעווקעס אַ גרויס הויז
געקאָנט אָבקויפֿען, נאָר ווייל איך האָב קיין געלד נישט,
האָט עס אַנ'אַנדערער אָבגעקויפֿט.
איך האָב אַ כלה מיט מזומן,
פֿופֿציג טויזענד קעש נדן
קיינמאָל נישט געקאָנט בעקומען.
דערפֿאַר בין איך געבליבען אָהן אַ ווייב.

רעפֿריין: איך האָב א. אַז. וו.

אויפטריט לואיזאַ. (הינד בילען).

לואיזאַ: איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט מיר דיקטירען, וואָס צו טהון און וואָס נישט צו טהון! איך בין מיר אַנ׳אייגענער באָס!

עדי: איך האָב גאָר פערגעסען, אַז די מאַמאַ און פראַנציס זענען געוואָרען סופראַזשיסטקעס. אַרונטער מיט אַלע מענער! יעס?

לואיזאַ: יעס! אַרונטער מיט אַלע מענער!!

עדי: אַז דו זאָגסט: אַרונטער מיט אַלע מענער — וואָס קוקסטו אין אַלע ווינקעלעך? — פיעלייכט ווילסטו קענען זעהען דעם שענעם שאָפער, דעם עפּעל?

לואיזאַ: עס זענען מיינע אייגענע אויגען און איך האָב אַ רעכט צו קוקען וואו איך וויל!

עדי: ווּעסט איהם אָבער מעהר נישט זעהען!

לואיזאַ: נאָך היינט וועט ער זיין צוריק!

עדי: נישט וואָהר! זאָ לאַנג איך, דער פּאַפּאַ און איזידאָר האָבען בעשלאָסען, אַז נישט!

לואיזאַ: יאָ, מעהר! זאָ לאַנג איך, די מאַמאַ און פראַנציס האָבען בעשלאָסען, אַז יאָ,—וועט זיין יאָ!

עדי: זעה, אַז היינט ביי מיטאָג זאָל מען דיך מאַכען פאַר אַ שטיקעל בעאַמטען, וועניגסטענס לאָטש פאַר אַ דוואָרניק!

לואיזאַ: איך רעד נישט מעהר צו דיר! נעווער! נעווער! נעווער!

אויפטריט איזידאָר, פראַנציס.

פראַנציס: איך האָב אייך געזאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: רעדט נישט מעהר צו מיר!

איזידאָר: אָבער פראַנציס!

פראַנציס: מ״ר גאָלדהענדלער, פּליז, פערגעסט אייך אָבער נישט!

איזידאָר: איהר טרייבט מיך צום וואַהנזין!

פראַנציס: חאַ-האַ-חאַ! אַ נייע בעשולדיגונג! האָב איך אייך ווען געגעבען די אורזאַכע איהר זאָלט צו מיר אַזוי רעדען?

איזידאָר: יעס! אין אָנפאַנג האָט איהר מיר געוויזען דעם הימעל, יעצט ווייזט איהר מיר דעם גיהנום! דורך אייך בין איך געוואָרען איין אונמענש! איך האָב צובראָכען דאָס הערץ פון אַנ׳אָרימער קעסטעל-מאַכערין, וועלכע האָט מיך געליעבט ווי איהר גאַנצעם לעבען!

פראַנציס: נו, קענט איהר עס דאָך בעסער מאַכען — פערריכטען. מען פאָהרט אַהין און מען מאַכט צורעכט איהר צובראָכען הערץ!

**איזידאָר**: אונבאַרימהערציגע קאָקעטקע!
**פראַנציס** (בייז): רעספּעקט, מיסטער, רעספּעקט! (אָב)
**איזידאָר**: צום טייוועל! מעהר רעד איך נישט צו איהר קיין וואָרט!
נעווער! נעווער! נעווער! (אָב)

## אויפטריט מאָטילזאָהן.

**מאָטיל**: וואו איז מיין ז...ז? פּלוצלונג איז זי אויסגעטריקענט געוואָרען און איך וויים גאָרנישט, וואו זי איז! שאַ... אפשר איז זי אויך איבערגעגאַנגען צו די סופראזשיסטקעס?—הערט אַ מין איינפאַל: מיין יודענע וויל אָנטהון מיינע הויזען און איך זאָל וואשען די וועש!—אָבער נישט ביי מאָטיל'ען! רבוש"ע! דו ביזט דאָך עפּעס אַ גוטער,—איך בעט דיך: נעהם זי צו צוריק! איך דאַרף זי שוין נישט, נעהם זי צו! נעהם זי צו! (זינגט):

## נעהם זי צו.

איך האָב אַ ווייב אַ צרה, זי קריגט זיך נאָר מיט מיר,
אַ נבלה, אַ שברי כלי, אַ קרענק איז ווייניג פאַר איהר.
ווי אַ זעגעל, זענען איהרע נעגעל און גראַבעלט ווי אַ קאַץ.
זי איז קראַנק, שוין פאַרביי און פרעסט פאַר דריי,
און נעהמט גאָרנישט די פּלאַץ.
בעט איך דיך, גוטער גאָטעניו, זיסער טאַטעניו —

**רעפריין**:
נעהם זי צו (בים), נעהם זי, גאָט, צו דיר אַרויף,
מאַך איהר דאָרט אַ שוואַרצען סוף.
נעהם זי צו, נעהם זי צו!
גיעב איהר דיין פרייד'ען, דיין גן־עדן,
נאָר נעהם זי צו!

פערמאַמקירט, פערשטעלט איז די וועלט
מיט מערדער און בעטריגער,
און ווער ס'איז שלעכט, דער בלייבט גערעכט,
און דער בלייבט דער זיגער.
לעדיג־געהער, שווינדלערס, דרעהערס,
וואָס ווילען אונז אונטערדריקען,
וואָלט איך גערן דיר אין קרן

נאָטעניו, אַרױפשיקען.
איך בעט דיך, גאָטעניו, זיסער טאַטעניו —
ר עֶ פ ר ײַ ן:
נעהם זײַ צו ‏‎‎‏א. אַ. וו.

די מײַדען, וואָס געהען בײַנאַכט אַלײן
אױף דער גאַס שפּאַצירען,
זוכען פֿײגעל מיט'ן אײגעל,
מען זאָל זײַ אונטערפֿיהרען.
זײַ מאַכען אַ תּל וועהר שנעל
פֿון יונגע פֿײַנע בחורים.
און פֿון זײער סחורה, גוטער בורא
האָט מען פֿיעל יסורים.
איך בעט דיך, גאָטעניו, זיסער טאַטעניו —
ר עֶ פ ר ײַ ן:
נעהם זײַ צו, (בים) נעהם זײַ, גאָט, צו דיר אַרױף (בים)
מאַך פֿון זײַ אַ שוואַרצען סוף. נעהם זײַ צו (בים)
איך וועל פֿערבײַסען מיט די ליפּען,
איך וועל זײַ נאָך אונטערשטופּען, נעהם זײַ צו! (בים)

**אױפטריט פֿלאָרענס, גאָלדהענדלער.**

ג אָ ל ד': האַ-האַ-האַ!
פֿ ר אַ נ צ י ם: לאַך! לאַך! דו ווערסט ש'ין שפּעטער װײַנען!
ג אָ ל ד': פֿלאָרענס, דו האָסט אָנגעהױבען צו פֿיעל צו הערשען!
פֿ ל אָ ר עֶ נ ס: ערשט אָנגעפאַנגען און מיר וועלען ערשט איבער אײַך הערשען!

(מוזיק שפּיעלט, אַ עולם לױפט אַרײן, נאַכהער פּאָליסלײט, זינגען: מאַכט פּלאַץ! מאַכט פּלאַץ! נאַכהער ערשײנט פּאָלק, זינגען כאָר, נאַכהער זינגען חאַנטשע, פֿלאָרענס, לואיזאַ, סוזי אַלס סופּראַזשיסט-קעס: מיר קעמפּפען! נאַכהער געזאַנג; חאַנטשע געהט אַרויף אויפ'ן סופּערזשעט-שטול, האַלט עפּעס אין האַנד).

חאַ נ ט ש עֶ: מײַנע שוועסטער, מײַנע פֿרײַנד און גלאַט אַזױ װײַבער!
אַ ל עֶ: בראַוואָ! בראַוואָ!
חאַ נ ט ש עֶ: אום אײַך צו ערקלערען, וואָרום איך בין געוואָרען אַ פֿרויען-קעמפּפערין, וועל איך אײַך דערצעהלען אַ קלײנע ביאָגראַפֿיע פֿון מיר אַלײן! (אַפּלאָדיסמענטען) איך האָב געליעבט אַן'אַלטען מאַן!
פֿ ל אָ ר עֶ נ ס (אַפּאַרט): אפשר איז דאָס מײַן אַלטער?

האַנטשע: אין איין יאָהר נאָך אונזער האָכצייט האָט ער מיך אַוועק־ געוואָרפען און ביז'ן היינטיגען טאָג ווייס איך נישט, וואו ער איז אהינגעקומען!

פלאָרענס: ווער איז ער, דער אַלטער? איך מוז וויסען זיין נאָמען!

האַנטשע: ווערטהע מיס, וויצע־פּרעזידענטין, האָט דאָס וואָרט!

פלאָרענס: מען זאָל אַפּעלירען צו אַלע פרויען פון דער גאַנצער וועלט, אַז אין די נעכסטע 20 יאָהר זאָלען זיי אויפהערען צו האָבען יונגלעך און זיי זאָלען נאָר האָבען מעדלעך! (אַפּלאָדיסמ.)

לואיזאַ: דאַן וועלען מיר האָבען די איבערמאַכט, מעהרער פרויען־ שטימען!

האַנטשע: בראַוואָ! איין אויסגעצייכענטער פאָרשלאַג! מען זאָל אַפּע־ לירען צו אַלע מעדלעך זיי זאָלען אויפהערען צו האָבען...

אַלע: פאַלש! פאַלש!

האַנטשע: ענטשולדיגט! איך האָב געהאַט אַ מיסטייק. צו די פרויען זאָל מען אַפּעלירען! נו, האָט ווער פון אייך אַוועלכען פאָרשלאַג?

סוזי: איך האָב אַ פאָרשלאַג, אַז די פרויען זאָלען אויפהערען צ קאָכען פאַר די מענער, נאָר די מענער זאָלען אָבקאָכען די פרויען! (אַפּלאָדיסמענטען)

האַנטשע: מיט דעם האָט זיך דער מיטינג געשלאָסען און דער גרויס־ סער סופראַזשיסטען־פּאַראַד, איך אַפּעליר יעצט צו אַלע מענער, אַז די, וועלכע זענען איינשטימיג מיט אונז, זאָלען אויפהייבען די הענד!

אַיינער: האָריי פאַר דעם סופראַזשיסטען־פּאַראַד!

אַלע: האָריי! האָריי! (דאַמען־כאָר, נאַכהער מאַרש פון טעאַטער. אַלע פערקלײדעט פאַר סופראַזשיסטקעס).

## פאָרהאַנג.

---

## פיערטער אקט.

אַ שענער גאָרטען, אין מיטען דער ביהנע אַ טהיר, פון אויבען אַ פענ־ סטער, בעצויגען מיט אַ ליינוואַנד, ביים זייט — בלומען, נעבען די בלומען — בענק. כאָר ליעגט אויף די בענקלעך און זינגט: „אַך ווי שען". טאַנצענדיג—אָב.

---

פראַנציס: שאָפער! שאָפער! (שרייט אַרויף)

האַנטשע (געקליידעט אַלס מאַן, עפענט דאָס פענסטער): גוט מאָר־ גען, מיין פראַנציס!

פראנצים: יעס, דײַן פראַנצים! אַלע שלאָפען. נור יעצט איז די בעסטע צײַט אַרײַנצופאָהרען אין דאָרף און דער ריכטער װעט אונז מאַכען פאַר מאַן און װײַב. און דאַן װעסטו מיך נעהמען אין עק װעלט אַרײַן.

חאַנטשע: אין עק װעלט אַרײַן? ס'איז אַ ביסעל צו װײַט. מיר װעלען עס מאַכען נעהנטער.

פראַנצים: װאוהין דו װילסט, אהין פיהר מיך. אָבער מאַך עס שנעל, דען איך הער שטימען.

חאַנטשע: אַללרײַט, איך קום גלײַך אַרונטער.

פראַנצים: איך געה נור נעהמען מײַנע זאַכען.

חאַנטשע: פערגעס נישט מיטצונעהמען עטליכע דאָלאַר. און טאַקי װאָס מעהר, װײַל מען װעט דאַרפען אײַנאָרדנען אַהײם און אפשר נאָך קױפען אַ װיענעלע אויך.

פראַנצים: יעס, אַהײם, אין אַ זיסעם הײם, װאו איך און דו װעלען װי אין אַ גן־עדן זײַן.

חאַנטשע: נאָך װאָס פאַר אַ גן־עדן!

פראַנצים: אָ, װען איך װאָלט יעצט קענען זײַן נעבען דיר און דיך אַרומנעהמען! אָבער באַלד װעל איך זיך נישט שעמען צו זײַן מיט דיר אין אײן צימער.

האַנטשע (אַפּאַרט): אַ גליק װעט איהר טרעפען!

פראַנצים: צום װידערזעהן! נימסער זיך צושײַדען, מײַן אַפּאַללאָ!

חאַנטשע: נו, מײַן װענוס, כאַפּ אַרײַן אַ קוש אויף דעם ניכטערען מאָגען. (פראַנצים אָב) (אַפּאַרט) הײַסט עס: איך געה הײַנט חתונה האָבען. האַ? װעמען זעה איך דאָרט? דאַכט זיך, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמע געהען. איך בין שױן נישטאָ. (פערמאַכט דאָס פענסטער)

## אויפטריט מאָטיל מיט זעלדע'ן.

זעלדע: פון נעכטען אָן פיהרסטו מיך אַרום און איך זעה נאָך אַלץ נישט מײַן חאַנטשע'ן.

מאָטיל: בהמה, נעכטען זענען מיר געקומען אַ ביסעל צו שפּעט און הײַנט אַ ביסעל צו פריה. װאַרט, מיר װעלען זיך אויסבאָרען, אָנטהון און אָפּעסען און דאַן װעל איך דיך פיהרען צו חאַנטשע'ן. װאָס פערשטעהסטו נישט?

זעלדע: װײס זי, אַז מיר זענען דאָ?

מאָטיל: אָט האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט ריידען איף אַ שעה. ווייסט, אַז מיר קלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן.

זעלדע: מאָטיל, דו נאַרסט מיך! אויב דו וועסט מיר נאָל'ן באָדען נישט פיהרען צו חאַנטשע'ן, וועט דיר וואַרפען נישט נור אַ צאָהן איף אַ צאָהן, נאָר אַלע צייהן פון מויל וועלען דיר אַרויסטאַנ־צען. געדענק!

מאָטיל: נאָל'ן באָדען? ווער ווייסט, וואָס דאַן קאָן זיין?

זעלדע: וואָס קען זיין נאָל'ן באָדען זיך, וואָס מיינסטו?

מאָטיל: נעכטען האָט זיך דאָ אַ יודענע דערטרונקען.

זעלדע: מאָטיל, איך געה זיך נישט באָדען.

מאָטיל: עס איז דאָך נישט קיין בעוויז, אַז היינט דאַרף זיך אויך אַ יודענע דערטרונקען.

זעלדע: מאָטיל, קום צוריק אין האָטעל אַריין, איך באָד זיך נישט.

מאָטיל: געה. טרוקען אין האָטעל אַריין? וואָס ווילסטו? מען זאָל דאָרט פון אונז חוזק מאַכען?

זעלדע: איך געה זיך אָנטהון צוריק. (אָב)

מאָטיל: וואַרט, איך געה זיך אויך אָנטהון. אוי, גאָטעניו, נעהם זי צו צו דיר! (אָב)

אויפטריט איזידאָר. חאַנטשע פון דער זייטיגער טהיר.

חאַנטשע: וועלל, וואָס קוקט איהר מיך אָן? איהר האָט מיך נישט דערקענט? איהר האָט מיר עפּעס צו זאָגען? זאָנסט לאָזט אייך געהן.

איזידאָר: איך וועל אייך זאָגען, איהר זאָלט אויפהערען צו שפּיע־לען אייער אונווירדיגע קאָמעדיע.

חאַנטשע: איהר מיינט אין דער הינזיכט פון מיס פראַנציס? אדרבה, רעדט מיט איהר. איך מיין אָבער, אַז עס וועט אייך נישט העלפען: איך און פראַנציס געהען היינט חתונה־האָבען. (איזידאָר לאַכט) זעה נאָר, ווי ער לאַכט! וואָס־זשע? עס פּאַסט אייך נישט, ווייל איך בין נור אַנ'איינפאַכער שאָפער און זי איז אַ ריי־כען מאַנ'ס אַ טאָכטער. און מיר שיינט, אַז איהר זענט אויך נישט אַזאַ צאַצקעדיגער פויגעל און איהר האָט מיט איהר פונ־דעסטוועגען געוואָלט חתונה־האָבען.

איזידאָר: פון וואַנען קענט איהר מיך אַזוי?

חאַנטשע: איך האָב געהערט פון אייך, ווי איהר האָט צוברא‍כען

דאָס האַרץ פֿון אַנ׳אָרימער קעסטעל־מאַכערין און האָט אײַך פֿער־ליעבט אין אַ רײַך מערעל. וואָס טהוט אָבער דאָס רײַכע מערעל? ווי זי האָט נור דערזעהען אַ שענערען פֿון אײַך — וויל זי אײַך מעהר נישט קענען.

איזידאָר: פֿון וואַנען ווייסט איהר דאָס? פֿון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַלעס?

חאַנטשע: פֿון וואַנען איך ווייס? איהר מיינט, די וועלט שלאָפֿט? איהר נעהמט אַנ׳אָרימע אַרבײַטער־מערעל, וועלכע האָט אײַך געליעבט ווי נור אַנ׳אַרבײַטער־מערעל קאָן ליעבען און לאַכט איהר אויס און פֿערבײַט איהר אויף וועמען? אויף אַזעלכער, וואָס ווייס אפילו נישט, וואָס ליעבע הייסט. הײַנט־דער, מאָר־גען־יענער, איבערמאָרגען — איך. לײַקענט, אַז איך זאָג אײַך נישט דעם אמת?

איזידאָר: יאָ, איהר ווייסט דעם אמת, ווײַל איהר אַליין זענט חאַנטשע.

חאַנטשע: האַ־האַ־האַ! וואָס? וועלכע חאַנטשע? איהר זענט משוגע? איך בעט אײַך, טרײַבט מיט מיר נישט קיין שפּאָס.

איזידאָר: חאַנטשע, איך בעט אײַך, טרײַבט איהר מיט מיר נישט קיין שפּאָס?

חאַנטשע: איהר ווילט מיר אײַנרעדען, אַז איך בין חאַנטשע? און דערמיט מײַנט איהר מיר אָבצורײַסען פֿון מײַן פֿראַנציס? אָ, מײַן פֿראַנציס ווייסט, אַז איך בין אַ מאַן!

איזידאָר: ווי?

חאַנטשע: אין קאָפּ צי אין מוח,—ווייס איך נישט. נאָר הײַנט האָבען מיר חתונה.

איזידאָר: ווער דען זענט איהר? ניין, ניין! ס׳איז אַ פֿערבלענדע־ניש, דומהײַטען, אונזין! איהר זענט חאַנטשע!

חאַנטשע: און איהר זענט שפּרינצע.

איזידאָר: איהר זענט קיין מאַן.

חאַנטשע: און איהר זענט זיכער אַ ווײַב.

איזידאָר: איך וועל פֿון אײַך די מאַסקע אַרונטערײַסען.

חאַנטשע: און איך וועל פֿון אײַך די מאַסקע אַרונטערײַסען.

איזידאָר: ווייסט איהר וואָס? לאָמיר זיך געהן בײדע באָדען און זיך אויסטהון אין איין צימער.

חאַנטשע: קאָמ׳מאָן!

איזידאָר: אויב אַזוי, בין איך משוגע! נו, יעצט וועל איך צו אייך רעדען ווי אַ מאַן צו אַ מאַן.

חאַנטשע: דאָס זענען גאָר אַנדערע דבורים.

איזידאָר: שווער מיר אַלס מאַן, אַז דאָס, וואָס איהר האָט פריהער מיר דערצעהלט פון פראַנצים—איז אמת.

חאַנטשע: אַלס מאַן שווער איך אייך, אַז דאָס, וואָס איך האָב אייך פריהער געזאָגט—איז נישט פאַלש.

איזידאָר: אָ, דו פאַלשע!

חאַנטשע: רעדט מיט מעהר רעספּעקט פון דער, וועלכע וועט באַלד מיין פרוי.

איזידאָר: און פאַר אַזאַ איינע האָב איך פערביטען מיין טייערע חאַנטשע׳ן! אָ, חאַנטשע! ווען איך זאָל זי יעצט זעהען, וואָלט איך... אָבער ניין, ניין! זי מוז מיך געוויס האַסען, ווייל איך האָב פערדיענט איהר האַס.

חאַנטשע: זי האַסט אייך נישט. איך האָב נעכטען בעמערקט, ווי זי האָט גערעדט פון אייך. ס׳טהוט איהר נור באַנג, וואָס איהר זענט אַזוי פערבלענדעט געוואָרען. אָבער איך בין זיכער, דאָס אויב איהר קומט צוריק, דריקט זי אייך צו צו איהר האַרץ און זי וואָלט אייך פערצייהעט אייער פעהלער, דען אַזעלכע הערצער ווי אַ חאַנטשע׳ס ליעבען נאָר איין מאָל און זייער ליעבען טריי און אויפריכטיג.

איזידאָר: אָ, מיין חאַנטשע, ווען איך זאָל זי ווידער קענען אָנרופען מיינע!

חאַנטשע: איך ווייס, איך האָב געטהון אונרעכט דערמיט, וואָס איך האָב אייך צוגענומען אייער מעדעל, דערפאַר וועל איך אייך אומקעהרען אייער חאַנטשע׳ן.

איזידאָר: איהר וועט דאָס טהון?

חאַנטשע: יעס! אין אַ 10 מינוט אַרום, ווען איהר קומט אַהער, טרעפט איהר דאָ אייער חאַנטשע׳ן, זיי גרייט זי צו עמפפאַנגען.

איזידאָר: איז חאַנטשע דאָ?

חאַנטשע: יעס!

איזידאָר: דאָ, אין לאָנג בּרענטש?

חאַנטשע: יעס!

איזידאָר: אָ, איך דאַנק אייך, איהר זענט אַ גוטער באָי און אַ גוטער מענש און פריינד.

חאנטשע: אזעלכע גוטע פריינד ווי איך בין, וואלטען זיך אלע מע-
נער געוואונשען צו האבען!

איזידאר: אדיע! (לאזט זיך געהן).

חאנטשע: ווארט נאר, פאר מיין שרבנית־געלד וויל איך, איהר
זאלט מיך איינלאדען צו דער התונה.

איזידאר: שאפער, דעם בעסטען חלק זאלסטו בעקומען! (אב)

חאנטשע: חא=חא=חא! איך האב איהם! ער איז מיינער! מען דארף
זיין א חאנטשע אום צו קענען אבשפיעלען אזא קאמעדיע! יעצט, חאנ-
טשע, קריך ארויס פון בחור און קריך אריין צו דער מויד! (זינגט):

# חאנטשע.

חאנטשע איז אמאל געווען א נאמען נאר צו שפאס,
מען האט געלאכט און פון איהר חוזק געמאכט.
האנטשע איז שוין מעהר קיין ראנטשע נישט,
דאס זאג איך אייך. א נייע צייט, זיך פון שקלאפעריי בעפרייט,
חאנטשע איז א גאנצער לייט,
איבעראל איז זי א קנאקערקע א גאנצע,
נאר מען רוקט זיך און מען שארט זיך צו דער חאנטשע.
פאר איהר די מענער, הערט!
זיי האבען מעהר קיין ווערטה,
ווייל חאנטשע איז אויפ׳ן פערד.

רעפריין:

חאנטשע איז א ליידי שוין א גאנצע,
או, איי, חאנטשע איז א הוואט, א העלד!
נישט געשפעט, פליין גערעדט,
הויבט דעם העט פאר חאנטשע, חאנטשע,
גאר ווי א פאליסמאן שפאנט זי.
אוי, אוי, איי, חאנטשע, נאר חאנטשע, חאנטשע
בעשיינט די גאנצע וועלט.

חאנטשע נעהמט קיין בלאף נישט, און זי קעמפפט פאר
פרויען=רעכט,
עס איז א פלאן, אז פאר א פרוי און פאר א מאן
זאל גלייכע רעכטע זיין.
ארונטער מיט די הויזען און ארונטער מיט דעם מאן —

גיט זי אַ קוויטש, ווען זי שטעהט און האַלט אַ ספּיטש,
חאַנטשע איז אַ יונגעלע פּיטש.
מיידעל, ווייבעל, זיי אַ מאַן-צושרייט זיך האַנטשע,
נישט דערשרעקט זיך פאַר אַ בערדיל מיט אַ וואַנטשע,
מיר האָבען אויך אַ רעכט. צו שפּילען גאַנצע נעכט
אין קאָרטען איז אויך נישט שלעכט.

עפריין:

ווייל חאַנטשע איז אַ ליידי א. אז. וו.

ווען אַ יונגערמאַן קומט צו צו מיר מיט אַ ביטע ערגעץ־וואו,
פאַלט אויף די קניע, זאָג איך איהם צו.
איך זאָל זיין זיין כלה—בעט ער מיר שטאַרק צוהיצט.
איך זעה ער שוויצט, זאָג איך איהם: זיצט.
איך בין אין איין פערליעבט—זאָגט ער צו מיר גאַנץ איידעל —
ערלויבט מיר חאַטש אַ קוש טהון אין קליידעל,
און איך לאַך מיך אויס און צייג איהם אַ נאָז.
ווייסט איהר זשע פאַרוואָס?

רעפריין:

ווייל חאַנטשע א. אז. וו.

(עס ווערט פינסטער די ביהנע. פון פענסטער זעהט מען ווי חאַנטשע טהוט זיך איבער. אַז עס קומט צום אויסטהון די הויזען פאַלט אַראָב אַ ראָלעט און די ביהנע ווערט ליכטיג. וועהרענד די גאַנצע צייט, וואָס חאַנטשע טהוט זיך איבער, שפּיעלט די מוזיק דעם רעפריין פון חאַנטשע. חאַנטשע ברומט אונטער די מעלאָדיע).

## אויפטריט פראַנציס.

פראַנציס (רופט): שאָפער! שאָפער! וואָס זעה איך? — אַ פרוי ביי איהם אין צימער! ווער זאָל זי זיין? מיס מאַטילדאָן, די סופּראַ־נישיסטקע? אָ, דער פאַלשער!

## אויפטריט לואיזאַ, עדי.

לואיזאַ: זעהסט, פראַנציס? איך און עדי זענען פריינד.
פראַנציס: איך האָב געמיינט, אַז איהר שלאָפט נאָך.
עדי: מיר זענען שוין מעהר ווי אַ שטונדע אונטער'ן וואַסער.

## אויפטריט גאָלדהענדלער מיט אַ טשעמאָדאַן.

עדי: וואוהין, פּאַפּאַ?

גאָלד׳: איך ווייס אַליין נישט, וואוהין. אדרבה, פרעג דיין מאַמאַ וואו זי שיקט מיך.

## אויפטריט פלאָרענס.

פלאָרענס: עדי, פראַנציס, נעהמט אבשייד פון אייער פאַטער, דען דאָ אין הויז וועט איהר איהם מעהר נישט זעהען.

עדי: מאַמאַ!

פלאָרענס: איך האָב אָקערשט ערהאַלטען אַ בריעף פון אַ געוויסער מיס סאָטילזאָהן, אַ סופראַזשיסטקע. איהר געדענקט דאָך, ווי זי האָט אויפ׳ן מיטינג פאַר אַלע ערקלערט, אַז איין אַלטער מאַן האָט איהר הערץ געבראָכען און דער אַלטער מאַן איז קיין אַנ־דערער ווי אייער פאַטער.

גאָלד׳: ע... עי... אונזינן! איך האָב קיין אהנונג פון אַזאַ פרוי.

פלאָרענס: ליגנער! (אַ געריוויש)

גאָלד׳: אוי, מיינע פיס!

פלאָרענס: האָסט דען אַליין נישט געזאָגט, אַז דער נאָמען מאָטיל־זאָהן איז דיר בעקאַנט.

## אויפטריט סוזי און סעמי.

פלאָרענס: וואָס איז?

סוזי: אוי, מאַדאַם! אַ פרעמדע פרוי איז דאָ אין צימער!

פלאָרענס: אַ פרעמדע פרוי? ווער איז זי?

פראַנציס: עס טהוט מיר לייד, מאַמאַ, אָבער איך מוז דיר זאָגען, מאַמאַ, אַז די פרוי, וואָס דו זאָגסט, אַז דער פאַפאַ... (זאָגט איהר אין אויער).

פלאָרענס: ווי? דו ביזט נאָך געווען אַזאַ אונפערשעמטער און דו האָסט זי נאָך מיר געבראַכט אין שטוב אריין?

גאָלד׳: אויב זי איז יאָ דאָ־האָט מען זי מיר אינטערגעוואָרפען.

סוזי: איך האָב אַ קוק געטהון אין שליסעל־לאָך פון דער טהיר.

גאָלד׳: ווי קומסטו צו קוקען אין אַ שליסעל־לאָך פון אַ מאַנסביל׳ס צימער.

פלאָרענס: דו שווייגסט?

גאָלד׳: אוי, מיינע פיס!

סוזי: האָב איך געזעהען.

לואיזאַ: נו, און דער שאָפער איז אויך דאָרט.

סוזי: נײן. זײנע זאַכען האָב איך געזעהען,—ער אַלײן מוז געװיס זײן אין בעט.

גאָלד׳: אַזאַ גליק פֿון אַ שאָפֿער!

עדי: איך געה זײ בײדען אַרונטערשלעפען, אי דעם שאָפֿער אי דער מיס מאַטילזאָהן!

## אױפטריט זעלדע מאַטילזאָהן.

איזידאָר: מיסטער מאַטילזאָהן, האָט איהר נישט געזעהען ערגעץ מײן חאַנטשע?

זעלדע: אָ, דער משוגע׳נער! (חאַנטשע שרײַט פֿון הינטער דער טהיר).

אַלע: עס איז דאָך דער שאָפֿער!

חאַנטשע: וואָס פֿאַר אַ שאָפֿער? דאָס בין איך, חאַנטשע, מאַטיל מאַטילזאָהנ׳ס טאָכטער!

זעלדע: מײן חאַנטשע! מײן חאַנטשע! (אומאַרמונג).

מאַטיל: מײן חאַנטשע!

גאָלד׳: מיסטער מאַטילזאָהן, דאָס איז מאַקי דײן טאָכטער? פֿרעג איהר, װען האָב איך מיט איהר חתונה געהאַט! איך געדענק נישט!

חאַנטשע: איהר װילט װיסען, װען מיר בײדע האָבען חתונה געהאַט װעל איך אײַך זאָגען: איהר געדענקט, װען מיר בײדע ע... ע... איהר װעט שוין שפּעטער װיסען! איזידאָר, איך האָב דיר גע־בראַכט דײן חאַנטשע און זי איז פֿערטיג דיר צו פֿערצײַהען, — װעסטו איהר אױך פֿערצײַהען?

איזידאָר: מײן חאַנטשע!

חאַנטשע: מײן איזידאָר!

זעלדע: מײן מאַטיל!

מאַטיל: מײן חאַנטשע! (סצענע)

סעמי: מײן סוזי!

סוזי: מײן סעמי!

אַלע און לאָר זינגען „חאַנטשע".

## פֿאָרהאַנג.

ХАНЧЕ инъ АМЕРИКА
тип. „Универсаль“ Варшава, Лешно 31

# !! וויכטיג פיר גראמאפאן־אינהאבער

## די יודישע ליברעטטא

אַ זאַמעל־בוך פון אַלע ליעדער, מאָנאָלאָגען, דעקלאַמאַציאָנען,
קאָמישע סצענעס א. אַז. וו. אין **2** טהיילען.

ערשטע טהייל פּרייז **60** קאָפּ׳.
צווייטע „ **80** „

אויך זענען ערשיענען קליינע ליברעטטעס, אין וועלכע סיקומען
אריין אַלע ליעדער, קופּלעטע פון די בעסטע טעאַטער־טעקסטען:

„אַ מענש זאָל מען זיין״, „זיין ווייב׳ס מאַן״, „די נשמה פון מיין פאָלק״, „דאָס פּינטעלע יוד״, „אמעריקאַנערין״, „שיר השירים״, „דאָס יודישע הערץ״, „די יודישע נשמה״, „דער קליינער מיליאָנער״, „יום החופה״, „שבת קדש״, „חאַנטשע אין אַמעריקאַ״, „אַלמאַ וואו וואָהנסטו״, „פּופּלען״ און אַנדערע.

אויך בעקומט מען ביי אונז אַלע טעאַטער־טעקסטען, נאָטען
געשריבענע, צענזורקעס און סופליאָרקעס.

**☛ ארטיסטען בעקומען גרויסען ראבאט. ☚**

פער נאַכנאַהמע אָהן האַנדגעלד ווערט נישט געשיקט.

זיך צו ווענדען:

אין ביכער־פערלאַג **פּ. קאַנטאָראָוויטש**, וואַרשאַ, שליסקא 35.

**Книгоиздат. П. Канторовичъ, Варшава, Слизкая 35.**

---

## טעאַטער־ביבליאָטעק פערלאַג פּ. קאַנטאראָוויטש.

### אָפּערעטען.

| | | |
|---|---|---|
| אַ דישע נשמה, י. טער | 30 | קאָפּ׳ |
| בערעק יאָסעלעוויטש, ב. וואַקסמאַן | 25 | „ |
| חינקע פינקע, י. לאַטיינער | 25 | „ |
| חנהציע אין אַמעריקאַ, נ. ראקאוו | 30 | „ |
| חורבן ירושלים, י. לאַטיינער | 25 | „ |
| חפני ופנחס, שארקאנסקי | 25 | „ |
| מאַטע מאַמעס צרות, געבעל | 20 | „ |
| כל נדרי, י. שארקאנסקי | 20 | „ |
| שבת קדש, ז. פיינמאַן | 30 | „ |
| שיר השירים, א. שור | 30 | „ |
| שלמה גאָרגיל, י. לאַטיינער | 25 | „ |
| מאַן אונטער׳ן טיש, ד״ז | 10 | קאָפּ. |
| צוויי מענשען מיט איין פנים, גאָלדבערג | 10 | „ |

### דראַמען.

| | | |
|---|---|---|
| אייבינער יוד, הייערמאַן | 7 | „ |
| געבראָדער לוריאָ, י. גאָרדין | 25 | „ |
| ווילדער מענש, ד״ז | 25 | „ |
| ווילנער בעל־הבית׳ל, מאַרק אַרנשטיין | 50 | „ |
| יודישער קעניג ליר, י. גאָרדין | 25 | „ |
| מירעלע אפרת, ד״ז | 30 | „ |
| מעדעא, ד״ז | 30 | „ |
| די רויבער, פון שיללער | 35 | „ |
| די שחיטה, י. גאָרדין | 30 | „ |